STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04903

VOS IZ FORT A ID, UN VI DERKENT MEN IHM?

Eliyahu Hutner

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan Berson & Charles Orgel
in memory of
their beloved uncle, Lewis Orgel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָס איז פאָרט אַ איד און ווי דערקענט מען איהם?

פארוואָס ליידט ער מעהר פון אַלע פעלקער?

ווי קען געלייזט ווערען די אידישע פראַגע?

נאָכ'ן תנ"ך, מדרש, תלמוד, קולטור געשיכטע
און היינטיגע צייטען.

אלע נאַציאָנען וועלען אומשמידען זייערע שווער־
דען צו אַקער־אייזענס, און זיינע שפיזען צו שנייד־
מעסערס, איין פאָלק וועט ניט מעהר אויפהויבען
אַ שווערד געגען אַן אַנדער פאָלק, און זיי וועלען
מעהר ניט לעהרנען קיין קריעג.
(ישעיה ב').

ארויסגעגעבען פון

רעוו. אליהו הוטנער

מחבר פון פאָלגענדע ספרים:
א) אין וואָס באשטעהט דאָס גליק פון אונזער אידישען פאָלק
ב) משיח בן־דוד. ד) התועים.
ג) הנפילים. ה) פראַכטפולע רעדעס.
ו) אַנעקדאָטען און פאָלקס־מעשיות, פון אייביגען קוואַל.
ז) טראַדיציאָנעלע אידישקייט און מאָדערנער יודאאיזם.
ח) וואָס איז פאָרט אַ איד און ווי דערקענט מען איהם?

מאָנטרעאל, קענעדע

VOS IS FORT A ID?

A Religious Biblical and Historical Book

נאָכדרוק פֿאַרבאָטען

PRINTED IN CANADA

אינהאלט פארצייכעניש

קאַפּיטעל — זייט

פאָרוואָרט

וואָס איז פאָרט אַ איד — — — — — — — — 7

ה נ ח מ ה — — — — — — — — — — 11

משה רבנו — — — — — — — — — 14

די פראַכטפולע איינדרוקספולע תפלות אין די ימים־נוראים׳דיקען דאַוונען — — — — — — — 39

די קוואַלען פון אַנטיסעמיטיזם — — — — — — — 45

אידישער הומאָר — — — — — — — — — 50

1) ר׳ יעקב משלם.
2) אַ שמועס צווישען צוויי אידען.
3) סטאַלין, רוזוועלט, טשוירטשיל און היטלער פאר׳ן רבנש״ע.
4) עלינו, אשר יצר און דער ממזר.
5) דער גנב
6) זיינען אויפ׳ן מאַרס פאַראַן מענשען ?
7) ר׳ לוי־יצחק איז מלמד־זכות אויפן פורמאַן.
8) רבינו תם׳ס תפילין.
9) המקל והכלב.
10) צוויי ארמייען
11) דער פעלץ.
12) בטול היש.
13) דער צווייטער זילבערנער בעכער.
14) שערי רחמים.

אַ בינטעל משלים פון דובנער מגיד — — — — — — —62

פאָרוואָרט.

עס פאָהרען ארום איבער דער גרויסער אמעריקע גוטע אידען, משולחים, מגידים, דרשנים, און אז עס קומט אויס אמאָל ערב שבת, ווען מען איז ווייט פון אַ שטאָט, און אז דער אורח פאַלט אריין אין אַ פאַרוואָרפענע קאָנטרע, וואו עס געפינען זיך איין דריי אָדער פיער פאמיליעס אידען, וועלכע זיינען „פארשמייעט" — דאַן לעקט ניט קיין האָניג דער אורח... איינער שיקט איהם צום צווייטען אויף שבת. אַמאָל טרעפט אז עס קומט אויס דעם אורח אין קאָנטרע צו מאַכען שבת פאר זיך אין צימערל־האָטעל און אָפּקומען שבת מיט שיהע־פּיהע... ניט אָפט טרעפט דאָס אזוי מיט'ן וואַנדערער, די מעהרהייט שטעלט ער זיך אָפּ ערב־שבת אין אַ שטאָט אָדער אַ שטעטעל, וואו עס עקזיס־טירט אַ „הכנסות־אורחים" און דאַן לעבט זיך אָפּ דער אורח.

איין מאָל האָט פארבלאָנדזשעט ערב־שבת א באוואוסטער מגיד אין א קליין שטעטעלע, האָט איהם איינגעלאַדען דער גביר פון שטעטעל צו זיך אויף שבת. דער גביר איז געווען אַ גרויסער „בעל־גאוה'ניק", איהם איז ניט אָנגעשטאַנען ביי איין טיש צו עסען מיט'ן אורח און האָט געהייסען דעם דינער צו געבען דעם אורח עסען באזונדער אין קיך. דעם מגיד איז ניט איינגעגאנגען די „מטעמים" ביי דעם גביר און ער האָט קוים דערוואַרט מוצאי־שבת. ווען דער אורח האָט זיך געקליבען אוועקצוגיין זאָגט דער גביר צו איהם, אזוי ווי ער האָט געהערט אז ער איז אַ „מגיד" וואָלט ער וועלען הערען עפּעס א גוט וואָרט פון איהם.

— יע, גוט, זאָגט דער מגיד, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה:

אמאָל האָט אַ הונט געפונען א בערישע פעל און האָט זי אָנגעטאָן און איז אוועק באזוכען דעם וואָלף. ר' וועלוועל קוקט ארום דעם בער און טראכט עס איז עפּעס ניט גלאט: דער אויסקוק פון אַ בער און די מאַניערען פון אַ הונט... איז דער וואָלף אַוועק פרעגען דעם לייב אַן עצה און דערצעהלט איהם אז אין וואלד האָט זיך פארקליבען אַ משונה'דיגע חיה, דער אויסזעהן איז ווי א בער, אָבער דוכטען דוכט זיך אז עס איז אַ הונט.

דער לייב האָט גע'עצהט דעם וואָלף, ער זאָל מאַכען א סעודה פאר'ן אורח, אויב ער וועט עסען מיט אַלעמען צוגלייך ביים טיש, איז ער אַ בער, אָבער אויב ער עסט פאר זיך, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, איז ער אַ כלב...

* * *

אין איצטיגע צייט האָט זיך דער אידישער הימעל באדעקט מיט שוואַרצע וואָלקענס, דאָס אידישע שיפעלע טראָגט זיך אויפ׳ן ים־החיים פון קנאה, שנאה, האָס פון די שונאי ישראל צום אידישען פאָלק. און אין דעם שטורם פון איצטיגע שרעקליכע מלחמה־יאָרען, ווען מען רייסט ארויס דעם בוים מיט׳ן וואָרצעל—ישראל סבא — פון זיין איינגעוואקסענעם אָרט, איז אין דער צייט קלאַפּט דער איד אין די טירען פון די שונאי־ישראל: „ראַטעוועט, האָט רחמנות, לאָזט אריין!״ אָבער מען לאָזט ניט אריין... זיי האָבען מורא טאָמער וועלען זיי אריינלאָזען וועט דער נאָך קיין רחמנות ניט זיין... עס הערט זיך אַ שטימע: „געה ווייטער, געה, פארפלוכטער יודע!״ — און מען איז נאָך גערען אז מען דרעהט זיך ארויס פון „עמלק־דייטש״ מיט גאנצע ביינער. ווען אַ טייל פון אונזערע אידען טוען זיך אָן אין אַ בערישע פעל אונטער דער מאסקע פון אסימילאַציע, דאַן דערקענען זיי די שונאי־ישראל און מען רודפט די אסימילאַטאָרען נאָך מעהר ווי אנדערע אידען.

ווען די פעטע גבירים פון די שונאי־ישראל זיצען ביים שיסל, פרעסען, זויפען, לאָזען זיך וואויל־געהן איז אונזער אָרט ניט ביי איין טיש, דער כלב־דייטש לאָזט ניט צו, נאָר אין קיך... די שיריים ווארפט מען אונז צו... און מיר זאָגען: „גם זו לטובה!״

אין מיטעל איז פארבליבען צו אונז אידען, צו מאָביליזירען אלע כוחות פאר אחדות, אלע געפיהלען פאר אידישער אחריות, אלע מיט איין געדאנק און איין ציל, אלס פאָלק, צו שטראָמען מאַסענווייז צו אונזער לאנד צ י ו ן. ענגלאנד איז גוט צו אונז: מיר גיבען אין דער מלחמה פילע קרבנות צו באקעמפען דייטשלאנד. און איבערצייגט אין דעם אידישען פאַטריאָטיזם צו אלע לענדער וואו זיי געפינען זיך. האָפען מיר אז ענגלאנד וועט באפעסטיגען די צוגעזאָגטע באַלפור דעקלאַראַציע. מיר מוזען אָפּטרייסלען פון זיך דעם גלות־שטויב, העלפען זיך זעלבסט. אָנטאָהן אַ קערפּער אויף אונזער גייסט, מיר זאָלען ניט זיין היימלאָז. מיר מוזען זיך צוריקקעהרען צו אונזער לאנד און זיין א פאָלק צווישען פעלקער אין ארץ ישראל.

וואָס איז פאַרט א איד און ווי דערקענט מען איהם?
פאַרוואָס ליידט ער מעהר פון אלע פעלקער?
ווי קען געלייזט ווערען די אידישע פראַגע?

אז מען דערצעהלט א מעשה א רוסישען פויער לאַכט ער דריי מאָל: ערש־טענס, ווען מען דערצעהלט איהם; צווייטענס, ווען מען דערקלערט זי איהם, און דריטענס, ווען ער פארשטעהט זי. — אַן ענגלענדער לאַכט צוויי מאָל: ערשטענס, ווען מען דערצעהלט; צווייטענס ווען מען דערקלערט איהם — פאר־שטעהן וועט ער סיי ווי ניט.

דערצעהלט איהר אַ מעשה א אידען, וועט ער אייך אוועקגעבען א חלק, אז איהר וועט שוין חרטה האָבען וואָס איהר האָט אָנגעהויבען. ערשטענס, זאָגט ער, אז ער האָט דאָס שוין לאַנג געהערט; צווייטענס, זאָגט ער, וואָס נעמט איהר זיך אונטער דערצעהלען אַ מעשה, ווען איהר קאָנט ניט דערצעהלען. לאָזט מיר דערצעהלען די מעשה...

אָט אַזאַ מפלה האָב איך געכאַפּט פון אַ באַקאַנטען אידען וועלכען איך האָב באגעגענט אין גאַס און אַ פרעג געטאָן איהם: ר' אברהם, וואָס איז פאַרט אַ איד? — וואָס פארשטעהט איהר ניט, ענטפערט ער מיר, אַ איד איז א איד, אָט בין איך אַ איד, מיין טאַטע איז אַ איד און מיין זיידע איז אויך געווען אַ איד, און מיר אַלע זיינען דורות אידען.

— איהר ענטפערט מיר, זאָג איך צו איהם, אזוי ווי אמאָל האָט מיר דער רבי געענטפערט אין חדר, איך האָב איהם געפרעגט: רבי, וואָס איז דער טייטש „כצפיחת בדבש?" — אזוי ווי אין האָניק, ענטפערט דער רבי. זאָג איך איהם, אָבער וואָס איז דער טייטש „כצפיחת" אליין? —אזוי, שייגעץ איינער, כצפיחת איז אַזאַ מין צפיחתל וואָס וואַקסט אין די ווייטע לענדער...

— יע, יע, זאָגט צו מיר דער איד מיט בטול און האַקט איבער מיינע רייד און זאָגט: אזוינע מעשה'לאך, האָב איך שוין לאַנג געהערט... און גיט א דרעה מיט'ן נאָז און אַ מאַך מיט'ן האַנט און שנעל זיך אָפּגעטראָגען.

אָבער, רבותי, עס בלייבט דאָך פאַרט די פראגע ניט פארענטפערט: וואָס איז פאַרט אַ איד און ווי דערקענט מען איהם?

דער נביא יונה בן־אמתי פארענטפערט די פראגע: „א עברי בין איך! איך האָב מורא פאר גאָט וואָס האָט באַשאַפען ים און יבשה".

א איד איז אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס גלויבט אין דעם איין־איינציגען גאָט דעם אלמעכטיגען, דעם באַשאַפער פון דער וועלט און אין זיין הייליגע תורה.

אַ איד געהט אין די וועגען פון גאָט, אזוי ווי גאָט איז „רחום" „וחנון" — בארעמהארציגער און גנעדיגער, אזוי איז ער אויך; ליבט די מענשהייט, אזוי ווי די תורה לערענט אונז: „זאָלסט ליבען דיין חבר ווי זיך אליין". אָט אַזאַ מענש איז א איד.

אַ איד וואָס גלויבט אין די דרייצען עקרים פון רמב"ם — דער איז א איד. זיין א איד הייסט זיין פאראנטווארטליך פאר'ן אידישען גורל, זיין א איד הייסט זיין אקטיוו און שעפעריש, ווי אַ איד. זיין א איד הייסט מצרף זיין זיך אליין צו דער אקטיוויטעט אין דער שעפערישקייט פון אלע אידישע דורות.

ווען מיר פאָהרען אויף אַ טריין און הערען ווי קריסטען פיהרען א דיסקו־סיע צווישען זיך וועגען אידען און עס כאפט זיך ארויס פון דער גרופע אַן אַנטיסעמיט און שיט פעך און שוועבעל אויף אידען און אַ זייטיגער איד מישט זיך אריין אין זייער געשפרעך און מיט קלוגע רייד שליידערט ער אָפּ אלע זיינע ארגומענטען און דער איד ווייזט אויף שוואַרץ אויף ווייס ווי נאַריש דער אנטיסעמיט איז און באשיצט דעם אידישען כבוד—אָט אַזאַ מענש איז א איד!

ווען א יונגער מענש גיט זיך אָן אין דער אידישער בריגאַדע און נעמט ראַכע פון „עמלק־דייטש" פאר דאָס בלוט — וואָס שרייט צו אונז פון דער ערד — אָט דאָס איז אַ איד!

דער חלוץ־ציוניסט אין אמעריקע און אין דער גאנצער וועלט זאָגט: איך בין א איד און מיין אָרט איז אין ארץ ישראל. מיין לעבען איז דער קבוצה־לעבען אויפ'ן אייגענעם לאנד אין דער אייגענער שפראַך, אין אייגענעם גייסט — אָט דאָס איז א איד!

* * *

ווי דערקענט מען א אידען? — מען דערקענט אַ אידען אזוי ווי מען דער־קענט אלע מענשען, וואָס באלאנגען צו פארשידענע ראַסען. מיר דערקענען דעם אידען נאָך די שטריכען פון זיין געזיכט: נאָכ'ן נאָז, אויגען, נאָכ'ן באַווע־גונג פון די הענט, אָדער גוף; אמאָל נאָכ'ן אַקצענט, קליידער, מאַניערען, אויס־זעהן. די ענליכקייט איז א ירושה פון אַ זעהר לאַנגער היסטאָרישע עפּאָכע. נור אויב איהר האָט פאָרט אספק צי דער מענש איז א איד, איז נאָך א קורצען געשפרעך וועט איהר איהם דערקענען. נאָר, רבתי, נאָך די שטריכען און נאָכ'ן לשון דורך וועלכע מיר דערקענען א איד איז דאָס נאָך ניט גענוג. ער קען געבאָרען ווערען א איד, אבער ניט איטליכער איד מאַכט אונז פאַר אַ פאָלק. דאָס פינטעלע איד — דער צייכען גמור פון אידישקייט איז דער חשק צו זיין א איד, ווארום אונזער אידישקייט איז מסיני, אונזער קאָנסטיטוציע איז תורת משה, אָהן תורת משה איז מען ניט קיין איד. די אמונה אין איין־איינציגען גאָט קען האָבען א קיום מיט גאָטס תורה. אידען מוזען שטענדיג בלייבען אי־

דען, דאָס ליגט אין אונזער בלוט. מיר קענען זיך מיט קיינעם נישט אויסמי־שען און מיר וועלען זיך ניט אויסמישען.

ווען אַ איד ח״ו שמאַדט זיך — איז ער דאַן ניט קיין איד! — חז״ל זאָגען: ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא, אָבער ניט עבודה זרה, אַ איד וואָס האָט אָנגענומען א פרעמדען גלויבען איז קיין איד ניט!

די חכמי התלמוד פסק׳ענען, אז א איד איז מחויב זיך צו לאָזען הרג׳ענען אויב מען צווינגט איהם עובר צו זיין אויף די פאָלגענדע דריי הויפט יסודות פון אידישקייט: עבודה זרה, און אָפלייקענען דערמיט די איינהייטליכקייט פון גאָט; גלוי עריות—פארשוועכונג פון צניעות און די סעקסועלע ריינליכקייט; און שפיכות דמים — צו מאָרדען מענשען. דער איד איז אָנגעזאָגט געוואָרען מקיים צו זיין די מצוה פון קדוש השם, און פארזאָגט געגען חלול השם.

עס זיינען דאָ ביי אונז אידען גרויסע אידעאַליסטען, נאַציאָנאַליסטען וואָס ביי זיי איז דער עיקר די לאנד ארץ ישראל. זיי שטרעבען צו א נאַציאָנאַלער היים, אַ נאַציאָנאַלע שפראך, אַ נאַציאָנאַלע קולטור — דאָס איז איינע פון די גרעסטע זאכען — אָבער דאָס אליין איז נאָך ווייניג, נאָך גרעסער און ערהאבע־נער איז אַז אונזער פאַטריאָטיזם זאָל געהן האַנט אין האַנט מיט תורת משה, מיט אחדות הבורא און מיט קיום המצוות, וואָס שטעהען אין דער תורה.

— נאָר דאַן זיינען מיר אַן עם־קדוש.

* * *

דאָס אידיש פאָלק, אין וועלכען ס׳ליגט דער גייסט פון משיח׳ן דאָס פאָלק וואָס האָט געגעבען צו דער וועלט אַ גאָט. דאָס פאָלק וואָס איז די הארץ פון דער וועלט; דאָס פאָלק וואָס איז דער וועג־ווייזער צו דער אויסלייזונג פון דער מענשהייט — אָט אַזאַ הייליג פאָלק ליידט פיל און ווערט פארפאָלגט מעהר ווי אַלע פעלקער? פארוואָס און פאר ווען? — מיט וואָס איז אונזער זינד גרעסער ווי זייערע?

שוין איבער 2 טויזענד יאָר וואַנדערט ארום דער איד אין פינסטערען גלות, ווי דיציגיינער אין די ביידלעך אונטער׳ן בלויען הימעל — אָט באַזעצט זיך דער איד אין א פרעמד לאנד, מאַכט אַ לעבען און מיינט אז ער איז שוין דאָ אַן אייביגער בירגער. מיט אמאָל ברעכט אויס א פאָגראָם, זיין גוטס און האָב ווערט פון שונא־עולם בארויבט און צופלינדערט. היינט די לעצטע פאַסירונגען וואָס ״עמלק״ האָט געטאָן צו אונזער פאָלק: זקנים, טאַטעס, מאַמעס, קינדער געשאָכטען אָהן מיטלייד ווי שאָף און ווי רינדער, זייער בלוט שרייט צו אונז פון דער ערד. פאר וואָס און פאר ווען פארפאָלגט מען אונז?

דער תירוץ איז מיר אידען ליידען מעהר פון אַלעמען, ווייל מיר האָבען ניט קיין לאנד, ארמיי, פלאָט, ווי אלע נאַציאָנען; מיר זיינען אידען די שטאַרק־סטע אין גייסט און די שוואַכסטע אין כחות. הקול קול יעקב והידים ידי עשו.

דערצו זיינען מיר צוזייט און צושפרייט איבערן ערד־קוגעל. עס איז פאַראַנען נאָך קליינע מלוכות למשל, ווי גריכענלאַנד און סערביע וכ׳, וואָס א טייל פון זיי זיינען אויך צעוואָרפען איבער דער וועלט, אבער זיי האָבען א פאָטער־לאַנד, אַ צענטער, א גאָווערמענט — ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאר זיי — און זייער מעהרהייט איז אויפ׳ן אָרט. שטעלט זיך פאַר, ליבע לעזער און לעזערינס, — „פוילען״ וואָס מ׳האָט איהר שוין אין לעבען עטליכע מאָל איינגענומען און פאר די לעצטע צייט האָט איהר „עמלק־דייטש״ כמעט איינגעשלונגען און פונדעסטוועגען שטעהט זי אויף איצט „תחית־המתים״, ווייל זיי זיינען אַלע כמעט קאָנצענטרירט אין איין פלאַץ. די פאָליאַקען ווילען נישט פארלירען זייער פאָטערלאַנד און ניט בלייבען אייביגע וואַנדערער, זיי גיבען „קרבנות״ און מיט דער הילף פון רוסלאַנד, אמעריקע, ענגלאַנד וועלען זיי צוריק אין גיכען געווינען זייער פאָטערלאַנד.

ווען מיר אידען וואָלטען געהאַט אין ארץ ישראל כאָטש אַ דריטעל אידען וויפיל מיר זיינען אין כלל, כן ירבו, וואָלט דאַן די אידישע פראגע געלייזט ווערען א סך גרינגער, דאַן וואָלטען מיר האָבען מעהר רעכט צו מאָנען דאָס וואָס אונז קומט און די תביעות פון די אַראַבער וואָלטען דאמאָלסט זיין א סך שוואַכער. נאָר בעה״י איז אונזער האָפענונג ניט פארלאָרען: די וועלט זעט וואָס אידען האָבען אויפגעטאָהן אין ארץ ישראל, א מדבר האָט מען פארוואַנ־דעלט אין א פראכטפולען וויינגאָרטען. די פארוויסטע פארטריקענטע ערד האָט מען געאַקערט, בעארבייט די פעלדער, אונטער די גרעסטע שווערינקייטען, גע־מאַכט שאָסייען, געגראָבען ברונימער, געהאַקט שטיינער, געמישט צעמענט און אויפגעבויט פראכטפולע קאָלאָניעס און שטעדט ווי תל־אביב וכ׳. לעבע־דיגע עדות! און נאָך אַזאַ שווערע ארבייט און נאָך אזויפיל „קרבנות״ — סאָל־דאַטען אין דער איצטיגער מלחמה וואָס מיר אידען האָבען געגעבען צו ענג־לאַנד, אמעריקע, רוסלאַנד צו פארניכטען דעם שונא־ישראל און שונא־עולם — וועט זיין דער פליכט פון די אויבענדערמאָנטע מלוכות אָפצוגעבען צו אונז אידען אונזער לאַנד — ארץ אָבות, וואו מיר אידען וועלען שאַפען אַ גייסטיגען צענטער פאר דער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור—תחית הארץ ותחית האומה.

איצט מוז ווערען דער באַדען פון ארץ־ישראל דאָס אייגענטום פון אידי־שען פאָלק ניט געקוקט אויף קיינע צייטווייליגע שטערונגען און שוועריקייטען. און דאָס גרויסע אידישע פאָלק, וואָס האָט איינמאָל פארלאָרען די לאַנד און צום צווייטען מאָל ווייטער געבויט און פארלאָרען — וואָס קיין אומה ולשון האָט דאָס ניט געקאָנט באַווייזען, למשל: אשור, בבל, גריכען, רימלאַנער — האָפען מיר, אידען, אז דאָס פאָלק וועט צום דריטען מאָל אויפבויען אויף אייביג דאָס לאַנד ארץ ישראל און דאַן וועט געלייזט ווערען די אידישע פראגע.

הנחמה

אין איצטיגער שרעקליכער צייט געהען ארום מענשען פארפינסטערט, פאר־חשכ׳ט, פארכמורעט, איז אין אַזאַ צייט, איז אַ חוב־קדש צו דערוועקען און דערקוויקען מענשען מיט פרייד, מיט אַ טרייסט־וואָרט צו שטאַרקען די האָפע־נונג פון דאָס אידישע פאָלק. אין איצטיגער שוידערליכער צייט דארפען מיר נאָכפאָלגען אונזערע נביאים: ישעיהו הנביא צייכענט זיך אויס מיט זיין טרייסט וואָרט: „נחמו, נחמו עמי״ — טרייסט זיך, טרייסט זיך, מיין פאָלק, זאָגט גאָט. ער טרייסט דאָס פאָלק אז דער בעכער איז שוין פארפולט מיט אידישע טרע־רען, באלד וועט שוין זיין די גאולה. ירמיהו הנביא האָט אויך געטרייסט און גערעדט וועגען דער גרויסקייט פון דער אומה הישראלית לעתיד (ג׳ י״ח—י״ח). יחזקאל הנביא שטעלט אונז פאָר א בילד מיט נאָמען: „עצמות היבשות״ — און ער טרייסט די אידען אז זיי זאָלען זייער מוט און האָפנונג ניט פארלירען, זיי וועלען צוריק בליהען על הרי הכרמל והשרון און ער זאָגט זיי אויך וועגען ביאת המשיח (כ״ט כ״א). און אזוי כמעט אַלע נביאים. אונזערע תנאים, אמוראים, גאונים האָבען אויסגעפונען אַלע מאָל א טרייסט־וואָרט אין א עת צרה. אויך די אידישע חכמים: רש״י, רבי יהודא הלוי, רמב״ם, רמב״ן — צו וועמען די אויגען פון אידען איבער דער גאנצער וועלט זיינען געווען גע־ווענדעט — האָבען געמוזט זוכען א וואָרט פון טרייסט צו שטאַרקען די האָפע־נונגען. כאָטש זיי אליין זיינען געווען אומצופרידען מיט די משיחישע אויס־רעכענונגען. אלזאָ זעהען מיר ארויס אז אונזערע וועג־ווייזער האָבען גע־זעהן אין אַן עת־צרה צו היילען אונזערע וואונדען. אָבער וואָס קומט פאָר אין איצטיגער שרעקליכער צייט: מיר באזוכען אונזערע בתי־מדרשים, מיר ווילען הערען א לעבעדיקען וואָרט פון „נחמה״, נאָר אומזיסט איז אונזער האָפענונג: אויף דער בימה שטעהט א מגיד, א דרשן, א מטיף, א רעדנער און מיט פלאַמעדיקע רייד שילדערט ער די שרעקליכע בילדער פון יענער זייט ים, האָגעלט מיט פעסימיזם, שיט זאַלץ אויף אונזערע וואונדען... אָ, וואו נעמט מען אַ בעש״ם? וועלכער פלעגט מיט אַ לאַנגען ליולקע־ציבעק זיך ארומדרעהען אין מאַרק, רעדען מיט׳ן קלענסטען, כאָטש ער האָט שוין דאמאָלסט געהאט מעהר פון צעהן טויזענד חסידים. צוגעלאָזט געווען צו איינפאכע אידען. ער, דער בעל־השם, פלעגט היילען מיט זיינע רייד די פארביטערטע הערצער! מען דערצעהלט אז דער בעל־שם האָט ניט ליעב געהאט די מגידים, וועלכע

פלעגען ארומפאָהרען פון שטאָט צו שטאָט שטראָפען דאָס פאָלק פארוואָס מען איז ניט געגוג פרום, און שרעקען מיט יענער וועלט און מיט׳ן פייערדיגען גיהנום. אַמאָל האָט זיך געמאכט דאָס דער בעל־שם האָט גראד שבת געהאַל־טען אין א שטעטעל און דאָרט איז געווען אַ מגיד, וואָס האָט זיך געשטעלט זאָגען אַ דרשה, ווי דער שטייגער איז געווען, און האָט אָנגעהויבען דעם עולם מאַכען א מורא און לייגען שטיינער אויפ׳ן הארצען, אז דער בעל־שם איז דער־פון געוואָר געווארען איז ער גאָר ניט געווען צופרידען. זיינע פריינט האָבען דאָס פארשטאַנען און האָבען צו וויסען געטאָהן די בעלי־בתים פון דער שוהל און זיי זיינען זיך אלע צוגאנגען. דער מגיד איז געבליבען אליין אויפ׳ן בימה... דער מגיד האָט דערנאָך אויסגערעדט דעם בעל־שם טוב פארוואָס האָט ער איהם אָנגעטאָן אזא בזיון, וואָס האָט ער צו איהם?! — דאָ איז ר׳ ישראל אויפגעשפרונגען פונ׳ם פלאַץ, טרעהרען האָבען זיך איהם אָנגעהויבען גיסען פון די אויגען און מיט אַ וויינענדיג קול האָט ער געשריען: „אומזיסט פאַלט איהר אָן אויף אונזערע אידען, ניט שרעקען דאַרפט מען זיי, נאָר טרייסטען! בע־טראַכט ווי דער איד האָרעוועט זיך נעבאָך אָן אַ גאַנצען טאָג, ווי שווער איהם קומט אָן דאָס טרוקען שטיקעל ברויט, און פון דעסטוועגען האָט ער פאָרט אין זין צו דינען דעם אויבערשטען ווי ווייט ער קען נאָר, און אז עס קומט די צייט פון מנחה, ווארפט ער אַוועק די ארבייט און דאווענט גיך אָפּ. און עס זאָל אייך גאָרניט אַרען וואָס ער כאפּט און לאָזט אריבער אַמאָל אַ וואָרט, ווייל דוקא אָט די דאָזיגע קורצע תפלה מאַכט אָן דעם גרעסטען רעש אין הימעל.

* * *

אלזאָ זעהן מיר ארויס פון אויבען דערמאָנטע אז לא זו הדרך! די עיני העדה מוזען צוציהען דעם המון־עם מיט ווארימע רייד, אז דאָס פאָלק זאָל פיהלען די ריינע ליבע צו זיי. אין די בתי־מדרשים דארפען אונזערע פאַרשטע־הער אלע שבת ארויסטרעטען לפני קהל ועדה ריידען, טרייסטען, אין דער איצטיגער צייט, היילען צוואָרייטאָגטע הערצער, אָבער ניט דערפיהרען דעם עולם צו היסטעריקע...

דאַן וועלען זיי אויפטאָהן זייער פיל מיט זייערע רעדעס, א סך מעהר ווי מיט זייערע שטראָף רעדעס.

און אין איינ־וועגס וועלען מיר שוין איבערגעבען אָן אינטערעסאנטען ילקוט וועגען „נחמה״ (ילקוט, ישעיה מ׳).

„נחמו נחמו עמי, אמר הקב״ה לאברהם לך ונחם את ירושלים שמא תקבל ממך תנחומים וכי׳ — נאָכ׳ן חורבן שיקט דער רבנש״ע די אָבות און משה׳ן זיי זאָלען געהן טרייסטען ירושלים: אברהם געהט און בעט זיך ביי ירושלים זי זאָל אָננעמען זיינע טרייסט־ווערטער, נאָר ירושלים נעמט ניט אָן זיין טרייסט וואָרט, זי זאָגט אז אברהם האָט איהר געמאכט פאר דעם היסטאָרישען באַרג וואו עלטערען בריינגען זייערע זיהן צו עקידה׳ס.

פון יצחק׳ן וויל ירושלים אויך ניט געטרייסט ווערען, ווארום פון איהם איז ארויסגעקומען דער בלוטיגער עשו, וואס האט געמאכט א תל פון ארץ ישראל און צוטריבען איהרע קינדער.

אויך יעקב׳ס ווערטער ווייזט צוריק ירושלים, ווארום ער האט זיך אויס־געדריקט „אין זה כי אם בית ד׳״ — עס איז מעהר ניטא ווי גאט׳ס הויז — האט ער מיט די ווערטער קליין געמאכט ירושלים, דאס הייסט אז ירושלים איז ניט א פלאץ צו באזעצען זיך, נאר בלויז תפלה צו טאהן דארטען.

אויך פון משה׳ן וויל ירושלים אויך ניט געטרייסט ווערען, ווארום ער האט אין דער תורה קללות ארויסגערעדט און עס איז מקוים געווארען.

האבען זיך אומגעקעהרט די אבות און משה צום רבנש״ע און איהר גע־זאגט, אז ירושלים לאזט זיך ניט טרייסטען פון זיי.

דאן האט גאט געזאגט אז אויף איהם ליגט די פליכט צו טרייסטען ירושלים, ווייל אזוי שטייט געשריבען אין זיין תורה: „דער וואס האט אנגעצונדען א פייער און מיט דעם אנגעטאן שאדען, מוז ער באצאלען. איך האב דאך אראפ־געשיקט א פייער פון הימעל און פארברענט און חרוב געמאכט ירושלים און דאס הייליגע לאנד — טרייסט איך איצט ירושלים און זאג אז איך וועל זיין פאר אימער און אייביג א פייערדיגע פעסטונג פאר דעם הייליגען לאנד ושבו בנים לגבולם — ירושלים וועט צוריק אויפגעבויט ווערען און דאס אידישע הייליגע פאלק וועט זיך צוריק אומקעהרען אין זיין הייליג לאנד ארץ ישראל!״

* * *

אזוי איז איצט אויך: דער רבנש״ע האט אנגעצונדען א מלחמה פייער אויף דער וועלט, די שעהנסטע בלומען־קינדער זיינען געפאלען אין דער מלחמה אויפ׳ן שלאכט־פעלד, חרוב געווארען מלוכות, שטעדט מיט גרויסע אידישע קהלות, וועלכע האבען זיך מוסר נפש געווען על קדוש השם, זיינען אפגעמעקט געווארען פון דער וועלט, אלזא מוז גאט באצאלען, ווארום עס שטעהט אין זיין תורה: „שלם ישלם המעביר את הבערה״ — דער וואס האט אנגעצונדען א פייער און מיט דעם געטאן שאדען, מוז ער באצאלען. וועט גאט מקיים זיין זיינע רייד, וואס ער האט צוגעזאגט נחמות און ישועות אויף אידען דורך זיינע נביאים: „גאט וועט זיין א פייערדיגע פעסטונג פאר דאס פאלק ישראל און פאר דעם הייליגען לאנד. און עס וועט געשעהן אין די צוקונפטיגע צייטען; פעסט אויפגעשטעלט וועט זיין דער בארג פון גאט׳ס הויז און אלע נאציאנען וועלען זיך ציהען (שטראמען) צו איהם. אלע נאציאנען וועלען אומשמידען זייע־רע שווערדען צו אקער־אייזענס, און זייערע שפיזען צו שנייד־מעסערס, איין פאלק וועט ניט מעהר אויפהויבען א שווערד קעגען אן אנדער פאלק, און זיי וועלען מעהר ניט לערנען קיין קריג.

משה

(משה רבנו)

עס זיינען דאָ מענשען־ריזען אויף דער וועלט, וואָס אין זייער פעריאָד טו־מעלט זיך וועגען זיי זעהר פיל, דערגרייכען די העכסטע מדרגה־שטופע פון אַכטונג און פאַרגעטערונג; נאָר גלייך ווי זיי פיהרען דורך זייער מיסיע ווערט שטיל ארום זיי און מיר דערמאָנען זיך אָן זיי נאָר דאַן ווען מיר בלעטערען די היסטאָריע, וואו זייער אָנדיינקונג איז פאַרבליבען אויף אייביג. אָבער עס איז דאָ אַזעלכע מענשען־ריזען וואָס האָבען געשאַפען א גאנצע עפּאָכע־אייביג־קייט — וואָס ניט קוקענדיג וואָס איז אריבער איבער טויזענדער יאָהרען נאָך זייער טויט און פונדעסטוועגען טומעלט זיך און רודערט זיך וועגען זיי גלייך ווי זיי וואָלטען היינט געלעבט; אָט צו אַזאַ טיפּ באלאנגט דער אדון־הנביאים משה רבנו. — ער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון פרייהייט און יודאאיזם. ער, משה האָט באפרייט דורך גאָט דאָס אידישע פאָלק פון מצרים און געגעבען צו די אידען א תורה. מחנך געווען דעם יונגען דור אין דער מדבר זיי זאָלען זיין פעהיג איינצונעהמען ארץ ישראל און זיך דאָרטען באזעצען. אָט דער פאָלקס לעהרער, דער עפּאָכע־שאַפער, וואָס איז ניט געווען קיין גלייכען צו איהם, לעבט אין זכרון פון דאָס אידישע פאָלק אויף אייביג. זיין הייליגער גייסט שוועבט מיט אונז מיט אין אונזער וואַנדערונג צווישען די אומות העולם.

וועגען אַזאַ גרויסע פערזענליכקייט טראָגען זיך ארום פילע לעגענדעס, וואָס מעהר משה איז באריהמט אלץ מעהר פאַנטאַזיעס, לעגענדעס שפּינען זיך אין זכרון פון פאָלק וועגען איהם. עס ווערען דערצעהלט וועגען נביא פילע הגדות, וועלכע געהן דורך ווי אַ רויטע שנור איבער גאַנץ תורה, תלמוד, מדרשים. חז״ל זיינען פאַראינטערעסירט מיט משה׳ן, פאַרשען אויס זיין נאָמען און ער־קלעהרען ווי ער הייסט. צעהן נעמען האָט משה: משה, ירד, חבר, יקותיאל, אבי גדור, אבי שוכו, אבי זנוח, טוביה, שמעיה, בן נתנאל.

משה — ארויסגעצויגען געוואָרען פון וואַסער.

ירד — ער האָט געמאכט נידערען מן פון הימעל.

חבר — ער האָט באהעפט דאָס אידישע פאָלק צו זייער טאַטען אין הימעל.

יקותיאל — ער האָט געמאַכט מקוים ווערען די קינדער צו גאָט.

גדור — ער האָט פאַרצאַמט דעם פרץ הגדר של ישראל.

שוכו — ער איז געווען פאר די אידען א צודעק, אַ באַשיצונג.

זנוח — ער האָט פאַרלאָזען, פאַרגיבען די זינד פון די אידען.

טוביה — גוט פאר נביאות.
שמעיה — גאָט האָט צוגעהערט זיין תפלה.
נתנאל — מען האָט איהם געגעבען די תורה פון האַנט אין האַנט.
„אבי" אב בתורה, אב בחכמה, אב בנביאות (מגילה י"ג. שמ"ר פ"א).

אפילו אין אונזער צייט פאראינטערעסירט משה די גרעסטע פילאָזאָפען און געניוס, וועלכע שאַפען וועגען איהם נייע ווערק, נייע ביכער, וועלכע פאַר־פילען די לייברעריס. אלזאָ רעכען איך ניט פאר איבעריג אלס „איד", אלס „עולם קטן" אויך צוגעבען א כאראקטעריסטיקע נאָך מיין מיינונג וועגען דעם גרויסען נביא הנביאים משה רבנו.

איידער איך הויב אָן ארומצורעדען וועגען דעם גרויסען נביא און גיב אַ באַלייכטונג נאָך די מדרשים און הגדות, וואָס זיינען געשאפען געוואָרען וועגען איהם, מוז איך באַקאַנט מאַכען אין קורצען מיינע לעזער און לעזערינס, וואָס פאר אַ לאַנד איז דאָן געווען מצרים, כדי צו האָבען אַ ריכטיגען באגריף וועגען די אייביגע אויפטואונגען פון נביא.

די מצרים זיינען אין די אלטע צייטען געווען דאָס געבילדעסטע פאָלק אין דער וועלט, זיי האָבען געהאט גרויס באפעלקערטע און רייכע שטעדט, פרעכטיגע טעמפלען פאר זייערע געטער, פריסטער; וואָס זיינען געווען באַ־קאנט מיט אַ סך וויסענשאפטען, און קריגער, וואָס פלעגען אונטערנעהמען ווייטע קריגסצוגען. די עגיפטישע מלכים, אָדער פּרעה׳ס פלעגען אויפשטעלען, מיט די הענט פון טויזענדער שקלאַפען, גרויסע פּאַלאַצען, פיראַמידען און קברים. די מצריים האָבען שוין דעמאָלט געקענט א סך קונסטען, ווי צום ביי־שפּיעל די קונסט פון בויען, באַוואַסערען פעלדער, די קונסט פון שרייבען. — אידען האָבען פון זיי געלערענט פיל; דעם קערענדעל פון גראַנאַט האָבען זיי אויפגעגעסען, אָבער די שאָלעכטס האָבען זיי ארויסגעוואָרפען. די אידען האָ־בען פארמיאוסט, פאַרהאַסט, מצרים׳ס געצענדינערייי און זייער חיות פארגע־טערונג. די אידען האָבען אָפּגעהיט דעם גלויבען אין איין איינציגען גאָט. דערפאר האָט ניט געקענט זיין א פולשטענדיגע דערנעהענטערונג צווישען די צוויי פעלקער. נאָר פארקערט, די שנאָה האָט זיך געשטאַרקט צווישען זיי.

* * *

ויקם מלך חדש: אויף דערויף זאָגען חז"ל רב ושמואל — איינער זאָגט אַ שפּאָגעל נייער קיסר, א צורר ליהודים, איז אויפגעשטאַנען און דער צוויי־טער זאָג דאָס איז געווען דער אלטער פּרעה, נאָר פון א גוטען איז ער געוואָ־רען אַ שלעכטער — שנתחדשו גזירותיו (סוטה י"א), איז דאָך אַ פראגע ווער איז פון זיי גערעכט? נאָר אין זייערע רייד איז איינגעוויקעלט זייער א שעהנער געדאנק און זיי זיינעןביידע גערעכט: די אידען האָבען פארלאָזען זייער לאַנד ארץ ישראל איבער פילע סיבות און באזעצט זיך אויף א פרעמדע טעריטאָ־

ריע אין מצרים. אָבער צום סוף זיינען זיי ניט געווען קיין אָנגענומענע געסט. צוויי מעטאָדען האָבען די מצרים דורכגעפירט. די ערשטע מעטאָדע איז: דורך רדיפות און גזירות, אָנטאָהן די אידען אלערליי צרות, כדי עס זאָל ניט דער־מאָנט ווערען דער נאָמען איד. און די צווייטע מעטאָדע איז גיבען פרייהייט צו די אידען מיט אלע בירגער צוגלייך און דורך דעם וועט זיין א סך גרינגער זיי צו אַסימילירען. אָט דאָס זאָגט „רב״ ויקם מלך חדש — אַ שפּאָגעל נייער קיסר, א צורר ליהודים, איז אויפגעשטאַנען וואָס ער איז געגאַנגען מיט דעם מעטאָד: פּאַרשקלאָפּען, ווארפען די קינדער אין טייך און ז. וו.

דער צווייטער „שמואל״ זאָגט, ווייל עס שטעהט ניט געשריבען „וימת מלך מצרים וימלך אחר תחתיו״ — דארום גיט ער צו ערקלעהרען אז דאָס איז געווען דער זעלבער. און ער איז געגאַנגען פון אָנפאַנג מיט דעם מעטאָד אז מען זאָל די אידען געבען אלע פרייהייט כדי זיי זאָלען זיך אסימילירען; נאָר אז ער האָט דערזעהן אז עס העלפט ניט, אז אידען בלייבען אידען, דאַן האָט ער אָנגענומען שטרייגגע מיטלען, און פון א גוטען געוואָרען א שלעכטער.

דער קיסר האָט געהייסען „מלול״. די מצריים האָבען איהם גערופען „פרעה״. און די אידען האָבען איהם גערופען „מרור״ — ווארום ער האָט פארביטערט זייער לעבען.

די לעגענדע דערצעהלט, איינמאָל האָט גע׳חלמט פרעה׳ן: אַן אלטער מאַן שטעהט פאר איהם און האַלט אַ וואָגשאָל. דער אלטער האָט געבונדען אלע האַרן און גרויסע לייט פון מצרים און ער האָט זיי אוועק געלעגט אויף איין זייט וואָגשאָל, און דער נאָך האָט ער גענומען א זויגעדיגע שעפעלע און האָט ארויפגעלעגט אויפ׳ן צווייטען זייט וואָגשאָל—האָט די זויגעדיגע שעפעלע אראָפּ־געוואויגען זיי אלעמען.

האָט זיך דער קיסר געוואונדערט ווארום האָט דאָס קליינע שעפעלע אראָפּגעוועגען אלע גרויסע פערזענליכקייטען? פרעה האָט אויפגעוואַכט, און עס איז געענדיגט געווען דער חלום. עס איז געווזען אין דעם מאָרגען, איז זיין גייסט אומרוהיג געווזען, און ער האָט געשיקט און האָט גערופען אלע צווי־בערער פון מצרים און אלע איהרע קלוגע לייט און פרעה האָט דערציילט זיין חלום.

האָבען איהם די חרטומים דערקלערט דעם פתרון: אַ קינד וועט געבוירען ווערען ביי די אידען און דורך איהם וועט חרוב ווערען דאָס גאַנצע לאַנד מצרים.

דער שלעכטער הערשער מלול־פרעה, איז געווען א אָבערגלויבער אזוי ווי די חרטומים, האָט ער דאַן צונויפגערופען אלע חכמי־מצרים, זיי זאָלען ראַטען וואָס צו טאָהן מיט דאָס אידישע פאָלק. צווישען די מיניסטאָרען זיינען געווען אויך דריי גרויסע לייט: בלעם, איוב און יתרו. בלעם, וועלכער האָט אַן עצה געגעבען פּאַרשקלאָפּען דאָס אידישע פאָלק און ווארפען די קינדער אין

טייך — איז צום סוף דערהארגעט געווארען בחרב. — איוב, האָט געשוויגען, איז ער צום סוף גע'משפט געוואָרען מיט יסורים. יתרו — וועלכער איז אַנטלאָפען געווארען פון פארלאמענט פון פרעה'ן — איז זיינע אייניקלאך האָבען זוכה געווען דערפאר צו זיצען אין לשכת הגזית. (סוטה י״א).

פרעה מיט זיינע יועצים האָבען באשטימט אין פּאַרלאַמענט צו וואַרפען אין טייך איטליכען זוהן, וואָס וועט געבוירען ווערען ביי אידען און איטליכע טאָכטער לאָזען לעבען. אויפ'ן ברוטאלען אופן האָט מען אָנגענומען צו פאר־פאַלגען און פארשקלאַפען דאָס אידישע פאָלק. דער קיסר „מלול״ איז געווען א גרויסער מערדער און אַ חכם להרע. ער און זיינע שרים האָבען זיך איבער־געטאָן אין ארבייטער קליידער און אָנגעהויבען צו טאָהן אלע שווערע אר־בייט; ווי: בעארבייטען ערד, מאַכען שאַסייען, גראָבען ברונימער, האַקען שטיי־נער, מישען צעמענט ליים צו מאַכען ציגעל. די שרים האָבען אויפגעמונטערט די אידען זאָגענדיג דער קיסר און מיר ארבייטען, אלזאָ העלפט אונז אויך. אלע אידען האָבען זיך גענומען פאר דער ארבייט; און מען האָט יענעם טאָג אויסגעארבייט א גרויסע צאָהל ציגעל. דאַן האָט דער קיסר געגעבען אַ באַ־פעל אז אַזאַ צאָהל ציגעל זאָלען די אידען אויסארבייטען און צושטעלען אַלע טאָג. פון דאמאָלסט אָן זיינען אידען געווארען עבדים. געוויינטליך דער קיסר מיט זיינע שרים האָבען געארבייט גאָר א קורצע צייט, כדי ארייננצוציהען מיט פאלשקייט אלע אידען. צו פּראָטעסטירען איז געווען אוממעגליך די אידען אַנטקעגען א גרויסע צאָהל מצריים, וועלכע זיינען געווען באַוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס און די אידען אומבאוואפענט. צייטענווייז האָט מען די מענער גע־נייט טאָן די ארבייט פון די פרויען: קנעטען און באקען ברויט, און די פרויען האָט מען גענויט שעפּען וואַסער, שפּאַלטען האָלץ, געהן אין גאָרטען קלייבען גרינסען, געשיקט זיי אין די פעלדער, וועלדער פאַנגען בער'ן, לייבען, טי־געֶרס און וועלף. און זיך ניט אומקערען אהיים פון אָוונט.

* * *

דער גרויסער שרעק, פאר וועלכען די מצריים האָבען זיך געשראָקען, איז זעהר אומגעריכט אָנגעקומען, אָט ווי א אוראַגאַן, ווי אַ שטורם איז אָנגעקומען מיט אמאָל: עס איז געבוירען געווארען ביי דאָס אידישע פאָלק א נביא. דאָס האָט פּאַסירט אזוי: יכבד עמרם'ס פרוי מבית לוי, האָט געבוירען אַ זוהן, ווען דאָס קינד איז געבוירען געווארען איז דאָס הויז אָנגעפילט געווארען מיט ליכט. האָבען אלע פאַרשטאַנען אז עס איז געבוירען געווארען א מושיע און וועט מיט גאָטעס הילף אָנצינדען אַ ליכט פון פרייד פאר די פארמאטערטע אידען.

— די מוטער האָט געזעהן, אז ער איז שעהן, האָט זי איהם באהאלטען דריי חדשים. דערנאָך האָט זי אים ניט געקאָנט לענגער פאַרבאַרגען, האָט זי אים

ארייגגעלעגט אין א קאַסטען פון ראָהר און האָט איהם אוועקגעשטעלט אין דעם גראָז ביים ברעג טייך. בתיה בת פרעה (בתיה — בת־יה) איז אראָפּגעגאנגען זיך וואשען ביי דעם טייך און געראַטעוועט דאָס קינד. מרים הנביאה— משה׳ס שוועסטער האָט פאַרגעלייגט דעם קיסר׳ס טאָכטער רופען אַ זויג־פרוי פון די אידישע ווייבער, אז זי זאָל זויגען דאָס קינד. זי האָט ערלויבט, און מרים האָט גערופען די מוטער פון קינד. די מוטער האָט באַקומען געצאָלט פאר האָדעווען דאָס קינד, נאָר בתנאי אז ער וועט גרויס ווערען זאָל זי איהם אומקערען צו בתיה׳ן. האָדעווען זיך ביי זיינע עלטערען האָט דאָס קינד דאָס אידישקייט איינגעזאַפּט מיט דער מאַמעס מילך.

צו דער באשטימטער צייט האָט די מוטער געמוזט איהם אומקעהרען צו דעם קיסר׳ס טאָכטער, וועלכע האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „משה״, ווארום זי האָט איהם ארויסגעצויגען פון וואַסער. ער איז געווען ביי איהר פאררעכענט ווי אָן אייגענער קינד. דאָס קינד איז געווען א וואונדער קינד, ער האָט געבליט: זיין פנים האָט אזוי געלויכטען, אז מ׳האָט נישט געקענט די אויגען אוועקרייסען, און מען האָט געמוזט קוקען אויף איהם א לאנגע צייט, ביז מ׳האָט זיך מיט זיין שעהנקייט אָנגעזעטיגט. — די לעגענדע דערצעהלט: איינמאָל איז ער געזעסען אויף פרעה׳ס שויס און זיך געשפּילט, מיט אַמאָל האָט ער אַ כאַפּ געטאָהן פרעה׳ס גאָלדענע קרוין און אָנגעטאָהן אויף זיין קאָפּ. די חרטומים — די אָבערגלויבער האָבען געזאָגט פרעה׳ן אז דאָס איז ניט קיין גוטער סימן. ווען דאָס קינד וועט ווערען אַ גרויסער מענש וועט ער צוּנעהמען ביי איהם די מלוכה. מען האָט גע׳עצה׳ט איהם צו טויטען. דאָרטען איז אָבער געווען דער גוטער געלערענטער „יתרו״ זאָגט ער דאָס קינד האָט געטאָן אומפארשטענדליך. האָ..ען זיי באשלאָסען אויסצופּרובירען משה׳ן: מען האָט געבראַכט א שיסעל מיט גאָלד און הייסע קוילען. אויב ער וועט נעמען דאָס גאָלד האָט ער שכל, קומט איהם מיתה, און אויב ער וועט נעמען די קוילען האָט ער ניט קיין פאַרשטאַנד און דאַרף בלייבען לעבען. משה האָט געוואָלט נעמען די גאָלד, האָט איהם דער מלאך גבריאל אַ שטופּ געטאָהן זיין האנט און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די קוילען מיט׳ן האַנט אין מויל אריין און פארברענט דעם צונג; איבער דעם איז ער פארבליבען א כבד־פה, אָבער דערפאַר איז ער געראַטעוועט געוואָרען פון טויט.

ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס משה איז פארבליבען א כבד־פה פון דעסטוועגען האָט איהם גאָט גראדע אויסגעקליבען פאר אַ נביא ארויסצוציהען די אידען פון מצרים.

* * *

איך מוז מאַכען אַ באַמערקונג: מען דאַרף געהן צום קיסר מיט זיינע שרים אויף א אודיענץ וועגען דער אידישע פראַגע, האָט מען דאָך געקענט

אויסקלייבען א גרויסען רעדנער, וועלכער זאָלווירקען מיט זיינע רעדעס קראַפט אויף פּרעה׳ן מיט זיינע שׂרים, ווארום — משה׳ן? — נאָר דוקא דאָ איז משה דער ריכטיגער פּאַסענדער שליח, ווארום א רעדנער, א לויער וואָלט פאַרשיטען מיט רייד און פרעה וואָלט ניט פאַרשטיין וואָס די אידען פאַרלאַנגען. אָבער משה האָט געזאָגט קורץ און שאַרף: „אזוי האָט גאָט געזאָגט פון ישראל: שיק ארויס מיין פאָלק, און זיי זאָלען מאַכען א פייערטאָג פאַר מיר אין דער וויסטעניש". דאַן האָט פרעה מיט זיינע שׂרים פאַרשטאַנען וואָס מען פאַרלאַנגט פון זיי.

* * *

ויגדל משה — האָט ער אויסגעלערענט אלע וויסענשאַפטען פון די חרטומי מצרים, פאַרנומען אַ פּאָסט אַלס קריגער. פרעה האָט איהם ליעב געהאַט, אָנגעטאָן איהם אין רייכע קליידער מיט א ברילליאַנט אויפ׳ן קאָפּ. קנעכט פלעגען איהם באַדינען און טראָגען זיינע כלי־זיין. משה ווערט פון דאָס אַלעס ניט באַצויבערט. ער ווייס אז ער איז אַ איד און טראָגט זיך ארום מיט זיינע הייליגע געדאַנקען ווי צו ראַטעווען זיינע ברידער פון קנעכטשאַפט. ער זעהט ווי ברוטאַל זיי ווערען באַהאַנדעלט און זיין האַרץ בלוטיגט זיך פאַר זייערע וועהטאָגען און פּיין. משה זעהט מיט קלוגשאַפט צו ווירקען אויף פרעה׳ן ער זאָל מאַכען גרינגער דעם אידישען יאָך.

משה איבערצייגט דעם טיראַן פרעה׳ן. אז עס איז אין זיין אינטערעס אַז אידען זאָלען רוהן איין טאָג אין וואָך, ווארום אויב א מענש ארבייט כסדר טאָג־איין טאָג־אויס, אָהן אָפּרוה, מוז ער אָפּגעשוואַכט ווערען און שטאַרבען פאַר דער צייט. און אויב פרעה וויל האָבען געזונטע און לאַנג־לעבעדיגע שקלאַפען, זאָל ער זיי לאָזען רוהען איין טאָג אין דער וואָך. פרעה איז דאָס געפעלען געוואָרען און ער האָט געגעבען משה׳ן רעכט איינצופיהרען א רוה־טאָג צווישען זיינע שקלאַפען.

איז משה געגאַנגען און זיי מתקן געווען דעם שבת. (שמ״ר א׳)

משה העלפט זיינע ברידער אידען ארבייטען זייערע שווערע ארבייט ביי פיתם און רעמסס און נעמט א גרויסען טייל אין זייער צער און פּיין. אידען פיהלען משה׳ס ליבשאַפט צו זיי און זיין שטאַרקען גייסט און זעהן אז ער איז באַשטימט פאַר אַ נביא פון גאָט ארויסצוציהען זיי פון מצרים.

* * *

משה רבנו איז געווען פון גאָט באַשאָנקען מיט דעם כח כדי צו קאָנען ווערען א נביא. משה איז דער אויסדערוויילטער מאַן ביים פאָלק און גרעסטער מענש פון אלע צייטען. ער איז דער מענש פון אמת, ער קען פון אמת קיין מאָל ניט אוועקגעהן, ניט ווייל ער וויל אזוי, נאָר ווייל ער מוז דאָס

אזוי טאָהן. דער אינערליכער געפיל לאָזט איהם ניט אָפּ פון צו טאָהן גע־רעכטיגקייט. משה איז אויך דער מענש פון עקסטרעמען, ער קאָנצענטרירט זיין גאַנץ װעזען אין זיין אידעאל. ער איז גרייט זיך מוסר נפש זיין זיך פאר זיין מיסיע. צרות — פון הונגעריקע, אומגליקליכע, פארשקלאָפּטע — בלוטיגען זיין הארץ, וואָס קרענקט פאר יענעמס וועהטאָגען און פיין. די יסורים פון די גאנצע מענשהייט זיינען זיינע אייגענע. ער, משה פארקער־פערט מיט זיך אליין דעם „וועלט־שמערץ"; זיין נשמה טובל'ט זיך אין בלו־טיגען ים פון מענשליכע טרעהרען, עלענד און פיין.

ויצא משה אל אחיו וכי' — משה איז ארויסגעגאנגען צו זיינע ברידער. דאָס וואָרט „אָח" אז א פרעמדען זאָל מען רופען „ברודער" איז ביז משה'ס צייטען ניטאָ אין דער תורה. אין זיין צייט הויבט זיך אָן צו ריידען וועגען פרייהייט און ברודערשאפט.

די תורה שילדערט פאר אונז עטליכע קורצע עפּיזאָדען פאַר זיין אָנעמען זיך פאר'ן אמת: איש מצרי מכה איש עברי — ער האָט דערזעהן ווי א שוואַר־צער עגיפּטער האלט אין איין שלאָגען א אידען, וועלכען ער האָט מיט געוואלד ארויסגעשלעפּט פון זיינע ברידער. האָט ער זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען און זעהט ניט וועד עס זאָל זיך אָנעמען פאר'ן אומגליקליכען אידען, ווארום די ארומיגע זיינען דערשלאָגענע שקלאַפען און גלייכגילטיג געבליבען צו אזעלכע פאַסירונגען. דאָן האָט משה אליין דעם ברוטאַלען מערדער אויף טויט דערשלאָגען. — דער אינצידענט מיט'ן מצרי האָט זעהר אויפגערעגט משה'ן, און ער האָט אָנגעהויבען אריינצוטראכטען ווארום אונזער פאָלק געפינט זיך אין אן ערגערער לאָגע ווי אלע פעלקער? אזוי ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „אָ, גאָט, זיבעציק פעלקער זיינען דאָ אויף דער וועלט און קיינע פון זיי איז ניט פארקשלאָפּט, ווארום איז דאָס אידישע פאָלק אונטעריאָכט?

אויפ'ן צווייטען טאָג געפינט ער אויס דעם תירוץ. משה באמערקט ווי צוויי עברים דתן ואבירם קריגען זיך און שלאָגען זיך. האָט משה געזאָגט צום אומגערעכטען — פארוואָס שלאָגסטו דיין פריינד? ער איז דאָך אויך אַזאַ אומגליקליכער שקלאַף ווי דו! ווען איהר וואָלט אייערע קרעפטען אָנווענ־דען געגען אייערע אונטערדריקער וואָלט איהר זיך געקענט רעטען פון אייער שקלאַפעריי און אויסבעסערען אייער לאָגע.

— זאָג מיר משה, איך בעט דיך, זאָגט דתן, ווער האָט דיר געמאכט פאַר א מאַן, אַ פירסט און אַ ריכטער איבער אונז? מיינסטו מיך צודערשלאָגען, אזוי ווי דו האָסט דערשלאָגען דעם מצרי?

הערענדיג די ווערטער האָט זיך משה געפאַרכטען און האָט געזאָגט: „אכן נודע הדבר!" — אויב אזוי, איז דאָך די זאַך באַקאַנט געוואָרען! דאָס הייסט, דער אינצידענט האָט געלייזט מיין פראַגע, פון דעם זעה איך ארויס ווארום אלע פעלקער זיינען פריי און נאָר מיין נאַציאָן איז פארשקלאָפּט.

פרעה האָט געהערט די פּאַסירונג, און ער האָט געוואָלט דערשלאָגען משה׳ן, אָבער משה איז אַנטלאָפען פון פרעה׳ן און פון זיינע אייגענע ברידער, ווי פון א שלאַנג, אום זיך צו באַזעצען אין דעם לאַנד מדין. — משה האָט זיך געזעצט אָפּרוהען ביי אָ ברונעם. דאָ ביים ברונעם קומט ווייטער פאָר אַן אינצידענט: דער כהן פון מדין האָט געהאַט זיבען טעכטער. זיינען זיי געקו־מען, האָבען אָנגעשעפּט און האָבען אָנגעפילט די קאַריטעס אום אָנצוטרינקען די שאָף פון זייער פאָטער. זיינען די פּאַסטוכער געקומען און האָבען זיי פאַר־טריבען. אָבער משה ווערט דערצאָרענט און שטעלט זיך קעגען די פּאַס־טוכער. און דאָ ראַנגלען זיך ניט קיין אידען, נאָר מענשען פון א פרעמד פאָלק. אָבער דער נביא מאַכט ניט קיין אונטערשיד צווישען מענש און מענש, נאָר צווישען צדיק און רשע. די פּאַסטוכער קריוודען די פרויען האָט משה זיי געהאָלפען, און ער האָט אָנגעטרונקען זייערע שאָף.

* * *

המטה

יתרו׳ס טעכטער זיינען געקומען אהיים און ער האָט געזאָגט: ווארום זענט איהר היינט אזוי געשווינט געקומען?

האָבען זיי געזאָגט: אַ מאַן, אַ מצרי, האָט אונז באַשיצט פון די הענט פון די פּאַסטוכער, און ער האָט אָנגעשעפּט פאַר אונז, און ער האָט אָנגעטרונקען די שאָף. — האָט ער געזאָגט צו זיינע טעכטער: און וואו איז ער? פאַרוואָס האָט איהר פאַרלאָזט דעם מאַן? רופט איהם זאָל ער מיט אונז ברויט עסען.

משה האָט איינגעשטימט צו וואוינען ביי דעם מאַן.

די לעגענדע דערצעהלט אז יתרו האָט געהאַט א פּראַכטפולען גאָרטען און משה האָט דערזעהן אין גאָרטען אן איינגעפלאַנצטען בריליאַנטענעם שטע־קען. משה איז צוגעגאַנגען נעהענטער און האָט באַמערקט אז דער נאָמען ד׳ איז אויסגעקריצט אויף איהם. דאָס איז געווען דער שטעקען וואָס אָדם הראשון האָט איהם מיטגענומען פון גן־עדן, בעת מען האָט איהם פון דאָרטען פאַרטריבען.

דער בריליאַנטענער שטעקען איז איבערגעגאַנגען צו אברהמ׳ען, יצחק, יעקב און צו יוסף׳ן. נאָכ׳ן טויט פון יוסף׳ן האָט מען איהם אָפּגע׳גזל׳ט אין דאָס הויז פון פרעה׳ן. פון בית־פרעה האָט יתרו גענומען דעם שטעקען און איינגעפלאַנצט אין זיין גאָרטען. יתרו האָט געזאָגט, ווער עס וועט ארויסריי־סען דעם שטעקען צו יענעם וועט ער געבען פאַר א פרוי זיין שעהנע טאָכטער צפּרה. קיין איין גבור האָט ניט געקענט ארויסרייסען דעם וואונדערליכען שטעקען. משה האָט איהם אָבער זייער גרינג ארויסגעצויגען. דאַן האָט יתרו געגעבען צפּרה זיין טאָכטער צו משה׳ן פאַר א פרוי. יתרו האָט דאַן פאַר־

שטאַנען אַז משה איז דער באשטימטער נביא פון גאָט ארויסצוציהען די אידען פון מצרים.

* * *

הזקן המכחש.

אין דער צייט בעת משה איז געגאַנגען צום באַרג חרב און דער געטלי־כער שטעקען איז געווען אין זיין האנד, האָט ער דאַן געטראָפען אַן אלטען מאַן שטעהענדיג על פרשת דרכים.

משה האָט זיך מיט איהם באַגריסט און געפרעגט צי ער האָט מיט זיך עסענוואַרג אין דער מדבר. דער אלטער מאַן האָט געענטפערט אַז ער האָט מיט זיך צוויי לעבלאַך ברויט. משה זאָגט איהם אַז ער האָט אויך מיט זיך דריי לעבלאַך ברויט, זאָל ער זיי ארייגלייגען אין טאָרבע וועלען זיי האָבען איינעם פינף. דער אלטער האָט אזוי געטאָן, זיי געהען אין דעם ברייטען מדבר וואו די זון ברענט. זיי זיינען פאַרמאַטערט, הונגעריק און דאָרשטיק. זיי האָבען דעם ערשטען טאָג אויפגעגעסען איין לעבל ברויט, און אזוי דעם צווייטען, דעם דריטען און דעם פערטען טאָג. עס איז געקומען דער פינפ־טער טאָג בעת משה ביי דעם אלטען דעם פינפטען לעבל ברויט צו עסען, זאָגט דער אַלטער אַז מעהר ווי פיער לעבלאַך ברויט איז ניט געווען. און ער האָט דערביי געשוואָרען פאַלש. משה געהט מיט איהם ווייטעד אין דעם ברענענדיגען מדבר. און זעהט צוויי הירשען. משה זאָגט אַז מען דאַרף פאַנגען די הירשען, וועלען זיי האָבען וואָס צו עסען. לאַכט, דער אלטער, און זאָגט: הירשען לויפען געשווינטער ווי אלע חיות, מען קען זיי ניט פאַנגען. משה האָט אויסגעשטעקט דעם שטעקען. די הירשען האָבען זיך אָפגעשטעלט. ער האָט זיי גענומען, געקוילעט און אויסגעבראָטען און געזאָגט דעם אלטען: „עס וויפיל דו ווילסט, אָבער זיי פאַרזיכטיג, די ביינער זאָלסטו ניט ברעכען!" נאָכ'ן עסען האָט משה תפלה געטאָן צוגעלעגט צו די ביינער דעם געטליכען שטעקען. דאַן איז אויף די ביינער געוואָרען אָדערען און עס איז באַוואַקסען געוואָרען מיט פלייש און עס האָט זיך פאַרצויגען אַ הויט פון אויבען און אַ לעבענס־גייסט איז אריין אין זיי. זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט און זיינען אוועקגעלאָפען. דאַן האָט משה געזאָגט צום אלטען: איך באשווער דיר אין נאָמען פון דעם וואָס האָט לעבעדיג געמאכט די הירשען אַז דו האָסט ניט באשווינדעלט מיט'ן פינפטען לעבעל ברויט? — דער אלטער האָט געשוואָ־רען. זיי זיינען געגאַנגען ווייטער. זיי זיינען געוואָרען דאָרשטיג. האָט משה געשלאָגען דעם פעלז מיט'ן הייליגען שטעקען און עס איז ארויס וואַסער. זאָגט משה צום אַלטען: איך באשווער דיר ביי דעם עוויגען וואָס האָט גע־געבען וואַסער אַז דו האָסט ניט פארלייקענט דעם פינפטען לעבעל ברויט.

דער אַלטער האָט געשוואָרען, אַז מער ווי פיר לעבּלאַך איז ניט געווען. זיי זיינען אוועק ווייטער און צוגעקומען צום בּרעג פון מדבר אין איין אָפּענע שטאָדט. די איינוואוינער פון שטאָדט זיינען אַלע געווען אין צער, פאַרטרויערט, ווארום דער עלסטער און גרעסטער מאַן פון זייער שבט האָט געהאַלטען ביים שטאַרבּען, משה האָט תפלה געטאָהן, אַנגעריהרט איהם מיט דעם הייליגען שטעקען און דער מאַן האָט אָפּגעלעבּט און געזונט געוואָרען. אַזוי האָט דער נביא מחיה המתים געווען.

זיי זיינען אוועק ווייטער. משה האָט דערזעהן אַ בּרונעם איז ער אַראָפּ זיך טובל זיין. דער אַלטער האָט זיך בּאַטראַכט אַז מיט דעם שטעקען קען מען מחיה מתים זיין, איז דאָך דאָס אַ גרויסע זאַך, ער האָט דעם שטעקען גע'גנב'עט און אַנטלאָפען. נאָכ'ן טובל זיין זיך האָט משה זיך געכאַפּט אַז דער אַלטער איז פאַרשווינדען מיט זיין שטעקען. ער האָט זיך געלאָזט לויפען נאָך איהם. דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבּען אַ געצעלט וואו קינדער האָבּען זיך געשפּילט. ער האָט געוואָלט וויסען אויף ריכטיג צי ער קאָן די מלאָכה פון תחית־המתים... האָט ער דערהאַרגעט אַ קינד און געפּרופט איהם לעבּעדיג מאַכען, אָבער עס האָט זיך ניט איינגעגעבּען, ווארום ניט אַלע מענשען זיינען גלייך. דער געטליכער שטעקען וועט ניט מאַכען וואונדער דורך די הענט פון געוויינליכע מענשען. דערווייל זיינען אָנגעקומען די עלטערען פון קינד און זיי האָבּען געוואָלט דורס זיין דעם אַלטען. אָבער משה איז אָנגעקומען. ער האָט תפלה געטאָהן איז דאָס קינד לעבּעדיק געוואָרען און ער האָט געראַטעוועט דעם אַלטען פון טויט. זיי זיינען אוועק ווייטער. משה האָט גענומען דריי קופּעס זאַמד. ער האָט תפלה געטאָן און זיי זיינען געוואָרען גאָלד און האָבּען געלויכטען פאַר'ן זון. דער אַלטער האָט געפרעגט פאַר וועמען איז דאָס גאַנצע גאָלד? — דער וואָס האָט געגעסען פון פינפטען לעבּעל בּרויט וועט נעמען צוויי טייל פון דאָס גאָלד און ווער עס האָט ניט געגעסען, דער בּאַקומט איין טייל פון דאָס גאָלד. דאַן האָט דער אַלטער אויסגעשריען: איך האָבּ געגעסען פון פינפטען לעבּעל בּרויט און האָבּ פאַרלייקענט. איצט, זאָגט משה, אַז דו האָסט מודה געווען, בּאַלאַנגט צו דיר דאָס גאַנצע גאָלד און משה איז אוועק פון איהם.

דאָס גאָלד איז געווען פיל און דעם אַלטען איז געווען שווער צו טראָגען. דערווייל איז פאַרבּייגעפאָהרען אַ קאַראַוואַן מיט אייזלען. דער אַלטער האָט געשריען צו די מענשען וואָס רייטען אויף די אייזלען זיך אָפּשטעלען, ווארום ער האָט פיל גאָלד, אויבּ זיי וועלען איהם העלפען אַרויפלייגען אויף די אייזלען דאָס גאָלד צו בּריינגען צו אַ בּאַשטימטען אָרט, דאַן וועט ער זיי געבּען צוויי חלקים און זיך נעמען איין חלק. זיי האָבּען מסכים געווען. ווען זיי זיינען אָפּגעפאָהרען אַ היבּשע שטרעקע האָט דער אַלטער שוין חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצען מסחר און געוואָלט פּטור ווערען פון זיי. די מענ־

שען האָבען געוואָלט עסען. דער אלטער האָט זיי געגעבען ברויט אין וועל־כען ער האָט אריינגעטאָן סם־המות. — די רייזענדע האָבען אויך געהאט שלעכטע מחשבות, ווארום זאָלען מיר געבען דעם אלטען שוואַכען מאן א חלק פון דאָס גאָלד? אלעס פאר אונז, מיר וועלען איהם אראָפּווארפען פון די קעמלען און ער וועט געטויטעט ווערען.

דאָס ברויט איז נאָך געווען צווישען זייערע ציינער, האָבען זיי איהם אראָפּגעווארפען אויף א פעלז, ער האָט צושמעטערט זיין קאָפּ און איז גע־שטאָרבען פאר זיין זינד.

זיי האָבען אויפגעגעסען זייער ברויט וואָס דער אלטער האָט זיי געגעבען און זיינען פארגיפטעט געוואָרען און אראָפּגעפאלען איינציגווייז טויטע פון די קעמלען.

דאָס גאנצע גאָלד איז געבליבען ליגען אין די זייטען פון מדבר ביז היינטיגען טאָג.

* * *

משה והשה.

משה האָט געפיטערט יתרו׳ס שעפעלאך הינטער די וויסטע. א שעפעלע האָט זיך אָפּגעריסען פון זיין שטאָדע. משה איז איהר נאָכגעלאָפען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען אַ אָזיערע צו שטילען איהר דאָרשט. משה האָט איהר דערנאָך גענומען אויף זיין אַקסעל און געטראָגען צו דער שטאָדע און גע־זאָגט: „אָרימע שעפעלע, איך האָב דאָך ניט געוואוסט אז דו ביסט דאָרשטיג״. — גאָט האָט דאָס באמערקט און געזאָגט: „דו, משה, ביזט א גוטער פאַסטוך, וועסטו זיין אַ גוטער פאַסטוך פאר מיין פאָלק ישראל.

* * *

הסנה.

משה פיטערט די שעפעלאך הינטער די וויסטע. עס איז געווען הייליג־שטיל ארום. ער באוואונדערט די פראכטפולע גאָטעס וועלט: בערג, פעלזען, טאָלען, אָדלערס אין הימעל, און וואָלקענס איבער׳ן קאָפּ: און משה הערט ניש מעהר ווי דעם ווינט, דאָס געזאַנג פון די שטערען אין די נעכט. און אויף גאָטס בארג חרב האָט זיך באוויזען פאר משה׳ן א גרויסער פלאַם־פייער, וואָס איז ארויס פון א קליינעם דאָרן־בוים „סנה״, וועלכער האָט געברענט און פארברענט איז ער ניט געוואָרען. א מלאָך האָט זיך ארויסגעהויבען פון סנה און א געטליכער קול האָט גערופען צו משה׳ן: „געה און צינד אָן אַ ליכט פון פרייד פאר די פארמאַטערטע דערשלאָגענע קינדער פון מיין פאָלק ישראל!״

גאָט האָט משה׳ן באוויזען דעם סנה, וועלכער ברענט און ווערט נישט פארברענט — דאָס הייסט, גאָט האָט משה׳ן באוויזען דעם סימבאָל און עקזיס־טענץ פון דאָס אידישע פאָלק ישראל, וועלכע געפינט זיך צווישען צוויי פייערן: אינערליך א פייער פון פרוד לבבות, פרוד הדעות, צאַנקערייען, אינטריגעס און מחלוקות; אויך א אויסענווייניגסטער אנטיסעמיטישער פייער, וואָס וויל פארניכטען חו״ס דאָס פאָלק. אָבער דאָס פאָלק בלייבט אומבאשע־דיגט, ווייל צווישען די צוויי פייערן געפינט זיך דער שומר ישראל.

גאָט רעדט זיך דורך מיט׳ן נביא און לייגט אים פאָר געהן אין זיינע שליחות און באפרייען זיין פאָלק ישראל פון מצרים. משה פילט אָבער ווי שווער עס איז אויסצופיהרען די מיסיע. און זעהט זיך ארויסצומאכען פון אַזאַ שליחות, אזוי ווי ער זאָגט צום סוף: איך בעט, מיין גאָט, שיק דורך דעם וואָס דו ווילסט שיקען!

דאַן ווייזט איהם גאָט אַזאַ בילד: זיין שטעקען הייסט ער איהם וואַרפען אויף דער ערד, וועלכער ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ שלאַנג. משה אַנטלויפט פון איהם, עצה׳ט איהם גאָט אָנעמען פאר׳ן עק און ער ווערט צוריק — אין אַ שטעקען. — גאָט האָט איהם אָנגעצייגט אז דאָס זעלבע איז אויך מיט דאָס אידישע פאָלק. א פאָלק וואָס האָט זיך געוואָלגערט פיר הונדערט און דרייסיג יאָהר אין אלע מצריים׳דיקע בלאָטעס, אזוי ווי א שטעקען, ביי אלעמען געלעגען אונטער די פיס. א פאָלק וואָס אַ שלאַנג האָט פון איהם גע־זויגען, געשמאָקטשעט זיין מאַרך, דאַרף קיין וואונדער קיינמאָל ניט זיין, אַז דער נביא זעהט דאָס פאָלק אין דעם בילד פון אַ שלאַנג.

גאָט זאָגט דעם נביא אַז ער זאָל ניט אנטלויפען פון דאָס פאָלק; ער זאָל זיך ניט ענטזאָגען איהם צו ראַטעווען; ער זאָל אריינגעמען דיזען מענש־ליכען שלאַנג אין זיינע געטרייע פאָטערליכע הענט. זאָגאר דעם עק פון שלאַנג, פון דאָס אידישע פאָלק, דעם קלענסטען פון זיי, וועט ער זעהן, אז ער וועט נאָכער ווערען, זאָגאר דער עק פון שלאַנג, א געטליכער, גייסטיגער, מאָראַלישער פאָלק, וואָס וועט דעם נביא זיין נוצבאַר הן מאַטעריעל, הן גייס־טיג, און ער, דער נביא וועט נאָך קענען מיט איהם וויזען וואונדער, — און אויב ניט מיט דעם דור, איז מיט זיינע קינדער.

משה ווערט באגייסטערט און געהט אין די שליחות פון גאָט.

* * *

יציאת מצרים.

משה׳ס מיסיע איז זעהר א שווערע: ערשטענס, דאַרף ער רעטען זיין פאָלק פון פרעה׳ס שאַרפע נעגעל מיט זיין קליקע, וועלכע זעהן מיט אלע מעגליכקייטען די אידען צו פארשקלאפען און זייערע קינדער אין טייך וואַרפען. צווייטענס, דאַרף משה נאָך דער באפרייאונג צוגרייטען דאָס פאָלק

צו דער הויכער שטופע, מדרגה אז זאָל זיין ראוי מקבל צו זיין די תורה. דריטענס, ליגט אויף איהם די פליכט דאָס פאָלק אריינצוברייננגען אין ארץ אָבות מיט דער הילף פון גאָט׳ס גנאָד.

דער נביא משה איז איבערגעגעבען צו זיין פאָלק ישראל, אזוי ווי גוטע עלטערען — צו זייערע קינדער, וועלכע טרייען דאָס בעסט פאר זיי פון קינדווייז אָן ביז וואַנען זיי ווערען דערצויגען און קומען צו א תכלית.

דער נביא משה הייבט אָן מיט פרעה׳ן אפריער מיט גוטען, דערנאָך מיט בייזען צו ווירקען אויף איהם מיט זיינע מחבלים. דערקלערענדיג זיי אַז די אידען זיינען אויך פון פלייש און בלוט, אזוי ווי זיי. די אידען האָבען רעכט אויפ׳ן לעבען, אזוי ווי די מצרים. די מצרים זיינען שטארקער פאר די אידען, ווייל זיי האָבען זיי פארשקלאַפט. די אידען זיינען אונטעריאָכט, ווייל זיי זיינען אומבאַוואָפענט. משה זאָגט פרעה׳ן מיט זיינע שרים אז זיי וועט נישט געלונגען די אידען אומצוברייננגען מיט זייערע שרעקליכע גזרות. זיי קענען זיי פייניגען, א טייל פון זיי לאָזען טויטען, אָבער דאָס אידישע פאָלק וועט זיי אלעמען איבערלעבען. דער אלמעכטיגער גאָט, דער באשאפער פון הימעל און ערד, היט זיי און באשיצט זיי. דער אויבערשטער וואַכט איבער זיין פאָלק, פונקט ווי אַ פאַסטוך איבער זיינע שאָף. פרעה מיט זיינע שרים מוזען באפרייען דאָס אידישע פאָלק פון קנעכטשאפט! — מיט איין וואָרט, דער קאמף מיט פרעה׳ן איז געווען א שווערער, און נאָך שווערער איז געווען דעם נביא — אין מאָמענט פון דאָס פאָלק׳ס פארצווייפלונג, האָפנונגסלאָזיג־קייט, איבערן קורצען געדולד און איבער׳ן האַרטען דינסט — אפעלירען צום פאָלק און צו זיין אידישען באַוואוסטזיין צו רופען און ארויסטרייבען דעם יאוש פון זיין הארצען צו ניט בלייבען אייביקע קנעכט, נאָר דערוועקען אין דאָס פאָלק א געפיל פון עהרעפורכט צו זיך זעלבסט און צו זיין אַ פריי פאָלק מיט אלע פעלקער צו גלייך.

און נאָך פיל מכות, אָנשיקעניש און שלעק אויף די קעפּ פון די מצרים גיט זיך איין דעם נביא מיט זיין געטליכען כוח און מיט נסים פון גאָט צו באַ־פרייען די צאן קדשים פון מצרים.

אין דער מדבר האָט דער נביא און זיין פאָלק פריי אָפגעאָטעמט. אראָפּ־געוואָרפען פון זיך די שווערע קייטען פון מצרים און אָפגעטרייסעלט פון זיך דעם גלות־שטויב. משה איז, ווי אַ קוואַל וואָס ספרודעלט שטענדיג מיט קוואַל־וואַסער. ער רוהט ניט און גרייט צו זיין פאָלק ישראל צו א העכערע מדרגה, דער הויפּט זיין גייסט צו דער שטופע צו זיין ראוי מקבל צו זיין די תורה הקדושה און דערנאָך דאָס פאָלק באַזעצען אין ארץ אָבות צו פארבלייבען אויף אייביג אַן עם־קדוש.

* * *

ענוות של משה.

באשיידענקייט ענוות ווערט אין דער אידישער רעליגיעזער עטיק באַ־טראַכט אלס איינע פון די בעסטע מדות, אין היפוך צו גאוה, וואָס ווערט באַטראַכט אלס איינע פון די ערגסטע מדות. דער גרעסטער מענש פון אַלע צייטען משה רבנו איז געווען זייער א גרויסער ענו מעהר פון אלע מענשען וואָס זיינען אויף דער ערד. בעת דער רבנש״ע האָט איהם פארגע־לייגט נעהמען אויף זיך די גרויסע מיסיע ווערען דער ראש פון פאָלק ישראל און באפרייען זיי פון קנעכטשאפט, האָט משה געזאָגט: „איך בעט, מיין הער, שיק דורך דעם וואָס דו ווילסט שיקען״.

אזוי ווייט האָט משה אויסגעמיטען כבוד.

משה׳ס ענוות איז געווען אזוי גרויס אז יהושע האָט איהם געזאָגט: „אלדד ומידד פראָפעצייהען אין לאַגער, אז ער וועט שטאַרבען און יהושע וועט דאָס פאָלק ישראל אריינברייגען אין ארץ ישראל און יהושע האָט געזאָגט מאַכען זיי אויפהערען״.

— משה האָט געענטפערט יהושע׳ן: נעהמסטו זיך פאר מיר אָן? איך ווינש דאָס גאַנצע פאָלק, גאָט׳ס, זאָלען זיין פראָפעטען, ווען גאָט וועט זיי באַ־גייסטערען״.

משה אליין האָט ניט געוואוסט כי קרן עור פניו — אז די הויט פון זיין געזיכט לייכט — דאָס הייסט אַז משה איז אַ גרויסע פערזענליכקייט — נביא הנביאים.

אפילו בעת ער איז געווען אויפ׳ן הימעל מקבל צו זיין די תורה האָט ער פאָרגעלייגט געבען די תורה דורך דעם גרויסען מענש רבי עקיבא׳ן. אזוי ווי די לעגענדע דערציילט אונז: ווען משה רבנו איז ארויפגעקומען אויפ׳ן הימעל מקבל זיין די תורה, האָט ער געזעהן, ווי גאָט ברוך הוא זיצט אויפ׳ן כסא הכבוד און מאַכט קרוינדעלעך צו די אותיות פון דער תורה, האָט משה רבנו געזאָגט צום רבנש״ע:

— האַר פון דער וועלט! צו וואָס טויגען דיר די דאָזיגע קרוינדעלעך? קען דען נישט די תורה געגעבען ווערען אָהן די דאָזיגע באַפוצונגען? — האָט איהם דער אויבערשטער דערויף געענטפערט: — מיט אַ סך דורות שפּעטער וועט קומען א מאן מיט׳ן נאָמען עקיבא בן יוסף, וועלכער וועט דרשנ׳ען אויף יעדען שטריכעלע גאנצע בערג מיט הלכות, מאַך איך דאָס פאר זיינעטוועגען די דאָזיגע קרוינדעלעך. דערויף האָט משה רבנו געזאָגט:

— קענסטו מיר איהם אפשר ווייזען? איך וואָלט איהם זעהר געוואָלט אָנ־קוקען.

האָט דער אויבערשטער געהייסען משה'ן אַ קוק טאָן צווישען די בענק פון די תלמידים אויף אַכט שורות ווייטער, האָט משה רבנו געזעהן ווי אַ מענש זיצט און לערענט מיט זיינע תלמידים תורה, ער האָט אָבער גאָרניט פאַר־שטאַנען, וואָס יענער זאָגט, אָבער דאָך האָט ער כסדר געהערט, ווי יענער מענש האַלט אין איין איבערחזר'ן די זעלבע פראַזע: „אָט דאָס האָב איך בקבלה אַלס הלכה למשה מסיני"...

האָט משה רבנו דעמאָלסט זיך אָנגערופען צו גאָט ברוך הוא: — רבנש"ע! דו האָסט אַזאַ גרויסען מענש און געהסט געבען די תורה דורך מיר?! —

האָט איהם דער אויבערשטער דערויף געענטפערט:

— „אזוי איז מיין ווילען!"

* * *

קבלת התורה.

בשעה שעלה משה למרום, אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבנש"ע, מה לילוד אשה בינינו, אמר להם לקבל את התורה בא וכו'. אמרו מה אנוש כי תזכרנו וכו' — ווען משה איז ארויף צום הימעל, ווען ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, „למרום" צו הימעל־באשעפעניש, צו מלאכי אלקים, האָבען געזאָגט די מלאכי השרת פאר גאָט, ווי קומט אַ מענש זאָל קענען שטעהן מיט אונז צוגלייך? האָט זיי גאָט געענטפערט אז די אורזאַכע פון זיין גרויסקייט איז — דאָס וואָס ער איז געקומען מקבל זיין די תורה, און דורך די תורה ווערט מען אזוי גרויס. זאָגען די מלאכים אז אַ מענש איז דאָך אַ זינדיגער און אַ שטערבליכער גיב די תורה פאר אונז מלאכים. זאָגט גאָט צו משה'ן — ענטפער זיי. זאָגט משה, איך האָב מורא פאר זיי, זיי קענען מיר פאַרברענען מיט זייערע ריינע מיילער, ווייל זיי ברויכען ניט קיין רכילות, לשון הרע. — זאָגט גאָט, האָב קיין מורא ניט, נעם זיך אָן, משה, פאַר'ן כסא־הכבוד און ענטפער זיי: „תשובה"! — אַ מענש איז טאָקע אַ זינדיגער, אָבער אז ער טוט תשובה ווערט ער ווייטער געלייטערט. — משה איז געוואָרען דרייסטער און זאָגט רבנש"ע, וואָס שטעהט אין דיין תורה? אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים — איך בין דיין גאָט, וואָס האָט דיך ארויסגעצויגען פון מצרים, זאָגט משה צו די מלאכים, האָט איהר אראָפּ־גענידערט צו מצרים, האָט איהר געדינט פרעה'ן? איז צו וואָס דאַרפט איהר די תורה? — ווייטער וואָס שטעהט אין דער תורה: לא יהיה לך אלקים אחרים — עס זאָל ניט זיין צו דיר פרעמדע אָפּגעטער — איז צווישען גע־צענדינער געפינט איהר זיך, וועלכע דינען עבודת כוכבים. ווייטער וואָס

שטעהט אין איהר: זכור את יום השבת לקדשו — געדיינק דעם טאָג שבת צו היילִיגען, ארבעט איהר דען, אַז איהר דאַרפט האָבען רוה? — כבד את אָביך ואת אמך — האלט בכבוד דעם טאַטען און מאַמען — צי דען האָט איהר אַ טאַטען מיט אַ מאַמען? שוב כתיב בה: לא תרצח, לא תנאף, לא תגנב — איז דען דאָ קנאָה צווישען אייך? יצה״ר יש ביניכם? — האָבען זיי גלייך מודה געווען און געזאָגט ד׳ אדוננו מה אדיר שמך. און ניט געזאָגט תנה הודך על השמים ,דאַן האָט משה באקומען די תורה. (שבת דף פ״ח).

* * *

הוכוח של משה עם האָבות

די דריי אייביגע וויכטיגע אידעאלען: יציאת מצרים, קבלת התורה, ארץ ישראל, פאַר וועלכע דער נביא הנביאים משה רבנו האָט געקעמפט מיט מסירת נפש, האָבען משה׳ן אוועקגעשטעלט אין אַ העכערע מדרגה ווי אונ־זערע אָבות. דאָס באמערקט דער מדרש און גיט איבער זעהר אינטערעסאנ־טען געשפרעך׳ אין געשטאַלט פון אַ דעבאַטע צווישען משה רבנו און אַ צאָהל פון די אָבות העולם פון וועלכע משה געהט ארויס זיגרייך.

צום ערשטען קומט אָדם הראשון, ער זאָגט צו משה׳ן: איך בין גרעסער פון דיר ווייל איך בין באַשאַפען געוואָרען אין דעם צלם פון גאָט.

— משה ענטפערט: איך בין חשוב׳ער פון דיר ווייל ביי דיר איז דער פריהער־געגעבענער כבוד שפעטער צוגענומען געוואָרען איז מיין „זיו הפנים״ וואָס גאָט האָט מיר געגעבען פארבליבען ביי מיר.

נח זאָגט צו משה׳ן: איך בין גרעסער פון דיר ווייל איך בין גערעטעט געוואָרען פון מבול.

משה ענטפערט: איך בין חשוב׳ער פון דיר ווייל דו האָסט נאָר דיך אליין גערעטעט און ניט געהאט גענוג קראַפט צו רעטען דיין גאַנצען דור, האָב איך אָבער, אין דער עגל־עפּאָכע, ניט נאָר זיך אליין גערעטעט נאָר אויך דעם גאנצען דור.

אברהם זאָגט צו משה׳ן איך בין גרעסער פון דיר ווייל איך האָב גע־שפייזט אלע וועלכע זיינען פארבייגעגאנגען מיין געצעלט.

משה ענטפערט: דו האָסט געשפייזט אין ישוב איך האָב אָבער געשפייזט די אידען אין מדבר.

יצחק זאָגט צו משה׳ן: איך בין גרעסער פון דיר, איך האָב געזעהן דעם פנים פון דער שכינה.

משה ענטפערט: דו האָסט געזעהן דעם פנים פון שכינה און דיינע אויגען זיינען טונקעל געוואָרען, איך אָבער האָב גערעדט מיט דער שכינה פנים אל פנים און מיינע אויגען זיינען ניט טונקעל געוואָרען.

יעקב זאָגט צו משה׳ן: איך בין גרעסער פון דיר. איך האָב געקעמפּט מיט א מלאך און האָב איהם מנצח געווען.

משה ענטפערט: דו האָסט געקעמפּט מיט׳ן מלאך אין דיין טעריטאָריע, אָבער איך בין ארויף צו זיי אין הימעל אין זייער טעריטאָריע און זיי האָבען מורא געהאט פאר מיר.

גאָט האָט געזאָגט: ווייל משה איז העכער פון אלעמען, זאָל ער בענשען די אידען. (מדרש רבה, פ׳ י״א).

* * *

תמונת משה.

איזהו גבור הכובש את יצרו.

אַ קיסר פון א גרויסע מדינה, וועלכער האָט געהערט פון משה רבנו׳ס גרויסקייט, האָט אויסגעקליבען א קינסטלער, אַ מאָלער ער זאָל אָפּמאָהלען משה׳ס בילד און בריינגען צו איהם.

דער מאָלער האָט געטראָפען שטעהענדיג משה׳ן אויפ׳ן באַרג סיני און קינצליך איהם אויסגעמאָלט. דער מאָלער האָט געבראכט דאָס בילד צום קיסר. דער קיסר האָט צונויפגערופען זיינע יועצים ושרים און צייגט זיי דאָס בילד. ער וויל וויסען זייער מיינונג וועגען דעם פּאָרטרעט. די יועצים האָבען באַטראַכט דאָס פּראַכטפולע בילד און זאָגען ארויס זייער מיינונג, אז נאָך די שטריכען פון דער געזיכט איז קענטיג אז ער איז א שלעכטער מענש.

דער קיסר האָט זיי דאַן געזאָגט, אז זיי מאַכען א גרויסען טעות. דאָס בילד איז אראָפּגענומען געוואָרען פון גרעסטען און בעסטען מענש אויף דער וועלט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט פרייהייט, דאָס איז משה דבנו!

די מיניסטאָרען האַלטען זיך ביי זייערס, אז זיי האָבען ריכטיג אָפּגעשאצט דעם גרויסען מענשען, מעגליך אז דער מאָלער האָט ניט ריכטיג איהם אויס־געמאָלט. — דער מאלער טענה׳ט אז ער האָט אָפּגעמאָלט דאָס בילד ריכטיג, ווי ער לעבט. און ער צייכנט זיך אויס אלעמאָל מיט זיינע בילדער, אלס קינסטלער און ער האָט נאָך אויף זיין לעבען ניט געמאַכט קיינע טעות׳ן.

דער קיסר איז געבליבען אין א פארלעגענהייט און ניט געוואוסט ווער עס האָט רעכט. צום סוף האָט דער קיסר באשטימט צוצופאָהרען אליין אָנ־קוקען משה׳ן. דער קיסר איז איבעראשט געוואָרען און ער האָט דערזעהן משה׳ן, וועלכער איז עהנליך, ווי צוויי טראָפּענס וואַסער צום בילד. ער האָט זיך געקלערט אז זיינע שרים זיינען פאַרוקט. דער קיסר האָט געבעטען אן אוידיענץ מיט משה׳ן. זיין בקשה איז דערפילט געוואָרען. ער האָט דערצעהלט משה׳ן די גאַנצע געשיכטע און באַרויערט וואָס ער האָט אזעלכע נאַרישע יועצים. ווי קאָן ער זיי געטרויען די פיהרונג פון זיין מלוכה. משה האָט באַ־

רוהיגט דעם קיסר און געזאָגט אז די יועצים ושרים האָבען אויך רעכט, אזוי ווי דער מאָלער. אלץ איז ריכטיג ווי זיי האָבען געזאָגט, אז נאָך די שטריכען פון זיין געזיכט איז קענטיג אז ער איז א שלעכטער מענש. די גע־שיכטע איז אזוי, זאָגט משה, געבוירען געווארען איז ער א שלעכטער, נאָר איזהו גבור הכובש את יצרו, ער האָט זיך גאָר אינגאנצען איבערגעארבייט. זיינע שלעכטע געבוירענע זייטען האָ ער ביסלעכווייז מיט׳ן ווארצעל ארויס־געריסען פון זיין הארצען און פארביטען, פאַרפלאַנצט מיט גוטע זייטען און אזוי ארום איז ער געווארען א פולקאָמענער מענש מיט מדות טובות.

דער קיסר האָט איהם באַדאַנקט און א פרעהליכער געפאָהרען אַהיים.

* * *

אגדת פנינים מן המדרש אודות מות משה.

ווען עס איז באוואוסט געווארען צו משה׳ן דער גזר־דין וועגען זיין טויט, האָט ער געצייכענט ארום זיך א צירקל, זיך אוועקגעשטעלט אין צענטער און האָט געזאָגט: רבנש״ע! איך ריהר זיך ניט פון דאַנען ביז דיין גזרה וועט ניט בטל ווערען. אתה החלת — דו האָסט אין אָנפאנג מיר פארשפּראָכען אז איך וועל ארייגברייגגען די אידען אין זייער לאנד. משה האָט אָנגעטאָן א זאָק מיט אַש און אויסגעגאָסען זיין הארץ אין א הייסע תפלה; ביז עס האָבען אָנגעהויבען ציטערען די הימלען, די ערד און די „סדרי בראשית״ און זיי האָבען זיך געפרעגט: „אפשר איז גאָט׳ס געדאנק צו שאַפען א נייע וועלט?״ — איז ארויס א בת־קול און געזאָגט: „גאָט האָט ניט בדעה מחדש צו זיין די וועלט!״

אין דער צייט, האָט משה גע׳טענה׳ט פאר׳ן רבנש״ע, דיר איז דאָך גוט באַקאַנט מיין מסירת־נפש וואָס איך האָב געהאט מיט די בני ישראל ביז זיי האָבען אָנגעהויבען צו גלויבען אין דיין נאָמען. וויפיל צרות איך בין אויסגעשטאַנען ביז איך האָב איינגעפירט די תורה, די מצוות. איך האָב אויס־געווארצעלט דעם יאוש פון זייער הארצען און תמיד געטרייסט, אז זיי וועלען פארבלייבען א פריי פאָלק אין ארץ ישראל. אז אזוי ווי איך האָב געליטען זייערע צרות, וויל איך דערלעבען נחת אין זיי. און איצט, אז די גוטע צייטען זיינען געקומען אויף עם ישראל, זאָגסטו מיר: „דו וועסט ניט אריבערפאָהרען דעם דאָזיגען ירדן״. צו דאָס איז דער שכר פאר די פערציג יאָהר ארבייט און פראַצע ביז איך האָב פון זיי געמאכט א הייליג און גלויבעדיג פאָלק?

האָט הקב״ה געזאָגט: דאָס איז מיין גזרה!

משה האָט ווייטער געזאָגט: רבנש״ע אויב דו ווילסט מיר ניט אריינ־ברייגגען אין פארשפּראָכענעם לאַנד א לעבעדיגען, ברייגג מיך אריין א טוי־טען, אזוי ווי מען וועט אריינברייגגען יוסף׳ס ביינער.

— האָט גאָט געזאָגט: יוסף האָט מודה געווען אין זיין לאנד און האָט זיין אָפּשטאָם ניט פארלייקענט און געזאָגט: „איך בין אן עברי". אָבער ווען דו ביזט געקומען קיין מדין, האָסטו פארלייקענט דיין אָפּשטאַם. — ששה עוונות עשית, זעקס זינד ביזטו באַגאַנגען, וועלכע האָבען געבראכט דערצו אז איך זאָל בייטען מיין מיינונג.

ערשטענס, דיין ענטפער, וואָס דו האָסט מיר געגעבען „שלח נא ביד תשלח", דאָס האָט געקלונגען ווי דו וואָלסט זיך אַנטזאגט פון דיין פליכט צו ארבייטען פאַר דער באַפרייאונג פון מיין פאָלק.

צווייטענס, ביי דעם ערשטען דורכפאַל מיט פרעה'ן ביזטו שוין ביי זיך אראָפּגעפאלען און געקומען צו מיר מיט א טענה: „דו האָסט ניט געראַטעוועט דיין פאָלק". — דריטענס, אז די אידען האָבען פון דיר געבעטען פלייש ביזטו אין כעס געוואָרען און אויסגעשריען: „אַז מען זאָל פאר זיי קוילענען די גאנצע שאָף און רינדער, וועט עס דען פאר זיי קלעקען?

צי דען איז גאָט'ס האַנט קורץ צו געבען?

פערטענס, ביי דער מחלוקה פון קרח'ן האָסטו זיך ניט ריכטיג אויס־געדריקט.

פינפטענס, ביי דער פאסירונג פון „מרה", ווען דו האָסט געברויכט גרויס כעס און געשלאָגען דעם שטיין, אויסרעדענדיג די ווערטער: „הערט זיך צו, איהר ווידערשפעניגער". דו האָסט געשלאָגען דעם שטיין און געמיינט די אידען.

זעקסטענס, אז דו מוסר'סט דעם יונגען דור דריקסטו זיך אויס מיט די ווערטער: „איהר זייט אויפגעשטאַנען אויף דעם פּלאַץ פון אייערע עלטערען, וועלכע זיינען געווען א געזינדעל פון זינדיגע מענשען". מען טאָר אזוי נישט רעדען וועגען די טאַטעס פון א פאָלק צו זייערע קינדער.

האָט משה געזאָגט, רבנש"ע! אויב דו ברייגנסט מיך ניט קיין ארץ ישראל — לאָז מיך אריין אהין ווי איינע פון די חיות השדה, וואָס עסען גראָז, טרינקען וואַסער און זעהען דיוועלט — זאָל מיין נפש זיין ווי איינע פון זיי. —

האָט גאָט געזאָגט: „גענוג!"

האָט משה ווייטער געזאָגט: רבנש"ע! לאָז מיך אריין ווי א פויגעל וואָס פליט אין אלע פיר עקען און קלויבט זיין שפייז בייטאָג און קומט צוריק צו זיין נעסט ביינאכט זאָל מיין נפש ווערען ווי איינער פון זיי.

האָט גאָט געזאָגט: „גענוג!"

אז משה האָט געזעהן, אז עס העלפט ניט, איז ער אוועק צו די הימלען און ערד און געזאָגט צו זיי: „בעט אויף מיר רחמים!" פון זיי איז ער גע־גאַנגען צו דער זון און דער לבנה, צו די כוכבים און מזלות, צו די בערג און טאָלען, צום ים, וועלכען ער האָט געשפּאָלטען, צום שר הפנים, און ביי אלע זיך געבעטען: „בעט אויף מיר רחמים!", אָבער יעדער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט אַ תירוץ פון אַ פסוק.

דאָן האָט משה געוויינט און געשריען: „אל רחום וחנון״.

האָט איהם דאמאָלסט דער רבנש״ע געזאָגט זיין לעצטען וואָרט: „משה! איך האָב געגעבען צוויי שבועות צו פארניכטען ישראל פון דער וועלט, ווען זיי האָבען געמאכט דעם עגל, און א צווייטע, אז דו וועסט ניט אריינגעהן אין לאַנד. האָב איך די ערשטע שבועה בטל געמאכט צוליב דיר, ווייל דו האָסט געבעטען „סלח־נאָ״, און איצטער ווילסטו, אז איך זאָל מבטל זיין די צווייטע שבועה? דו כאפסט דעם שטריק פארביידע עקען. אויב דו וועסט מבטל מאַכען דיין „סלח־נאָ״, וועל איך מבטל מאַכען מיין שבועה, אז דו וועסט ניט אריינקומען אין לאַנד!״

ווען משה האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער געזאָגט: „רבנש״ע! זאָלען פארלוירען געהן משה און א טויזענד ווי ער, אָבער עס זאָל ניט ניזק ווערען דער נאָגעל פון איין אידען!״

גאָט זאָגט צו מלאך גבריאל, בריינג מיר די נשמה פון משה׳ן.

ענטפערט דער מלאך גבריאל, אַ מענש, וועלכער באשטעהט געגען דעם גאַנצען פאָלק ווי קאָן איך האָבען די העזה דאָס צו טאָהן?

זאָגט גאָט צום מלאך מיכאל, ער זאָל איהם בריינגען די נשמה פון משה׳ן.

מיכאל ענטזאגט זיך, ער זאָגט אז ער איז געווען משה׳ס לעהרער און משה איז געווען זיין גוטער תלמיד. ער קען זיין נשמה ניט צונעהמען, ווארום אין איהר געפינט זיך א טייל פון זיין אייגענעם גייסט.

דער מלאך סמאל, וועלכער איז אויך דער מלאך המות, האָט אויפגענומען אויף זיך די עובדא מיט פרייד צו בריינגען די נשמה פון משה׳ן. ער האָט איהם געפונען שרייבענדיג דעם ריכטיגען נאָמען פון גאָט און פונקען פייער קומען ארויס פון זיין מויל. האָט זיך סמאל צוריק געקערט און געזאָגט צו גאָט, איך קען ניטביישטעהן פאר דעם זוהן פון עמרם. ער איז איינגעוויקעלט אין אייביגקייט, וואָס לאָזט צו זיך ניט צו דעם טויט.

דאמאָלסט האָט איהם גאָט אַ קוש געטאָן און צוגענומען מיט דעם קוש זיין נשמה.

אשריך הר העברים, על ההרים הגבוהים
יען בך מבחר הקברים
הקבר איש האלקים.

* * *

אַ באַמערקונג מוז איך מאַכען: די גזרה וואָס משה טאָר ניט אַוועקשטעלען אַ פוס אויף דער פארשפּראָכענער לאַנד ארץ ישראל, איז איבער דעם, ווייל משה האָט שוין זיין מיסיע אויסגעפילט אינגאנצען. באפרייט דאָס פאָלק פון פאַרשקלאָפונג און געגעבען איהם די תורה. משה איז געווען דער פאָלקס־לעהרער, דער עפּאָכע־שאָפער און עס איז ניט געווען קיין גלייכען צו איהם.

אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פון „כבוש הארץ״, האָט מען שוין גע־דאַרפט האָבען גאָר אַן אַנדער העלד — אַ קריגס־העלד. און משה — דער גרויסער ענו און דער גרויסער צעל־בעל החיימ'ניק — איז אומפעהיג צו אַזאַ מיסיע. דערפאַר האָט משה געמוזט אָפטרעטען דעם וועג צו א קלענערע פּער־זענליכקייט ווי ער, צו יהושע'ן, וועלכער האָט גראַדע געהאַט די פעהיגקייטען פון אַ „קריגס־העלד״, איינצונעמען דאָס לאַנד מיט גאָט'ס הילף און באַזעצען דאָס פאָלק אין ארץ ישראל.

* * *

ולא ידע איש את קבורתו.

„שלחה מלכות לשאול, הראנו היכן משה קבור? עמדו למעלה, נדמה להם למטה, למטה — נדמה להם למעלה: נחלקו לשתי כתות: אותן שעמדו למעלה, נדמה להם למטה, ואותם שעמדו למטה, נדמה להם למעלה״ (סוטה ל״א — ווען משה איז געשטאָרבען האָט מלך ארם געשיקט זיינע מענשען צו די האַר'ן בית פעור, אזוי ווי זיי האָבען געהערט אז משה איז געשטאָרבען אין ארץ מואב ער איז באערדיגט געוואָרען אין טהאַל, וואס איז אינ'ם לאַנד מואב, קעגענאיבער בית פעור, אלזאָ זאָלען זיי צייגען דעם אָרט וואו משה איז באַ־ערדיגט. ווען זיי זיינען ארויף אויף דעם בארג אין דער הויך, האָט זיך זיי געדאכט אז אונטען איז משה באערדיגט געווארען, און ווען זיי זיינען ארונ־טערגעגאנגען אונטען, האָט זיך זיי געדאַכט אז אויבען, אין דער הויך איז משה'ס קבר. דאַן האָבען זיי זיך צוטיילט אויף צוויי כתות; אָבער די יעניגע וועלכע זיינען ארויף אין דער הויך האָט זיך געדאכט, אז זיי זעהן דעם קבר אונטען, און די יעניגע וועלכע זיינען געבליבען שטעהן אונטען האָבען גע־גלויבט אז זיי זעהן דעם קבר אין דער הויך.

אין דעם מאמר חז״ל איז איינגעוויקעלט א פערעלדיקער געדאנק. היכן קבר ישראל? (ווייל משה וישראל חד הוא) — עס שווימט איצט ארויף די פראַגע: וואו איז באַערדיגט ישראל? ערשט ניט לאנג האָט געלעבט א פאָלק אידען און מיט אַמאָל איז א גרויסער טייל פון זיי רחמל״צ אויסגעקוילעט און אויס־געשטיקט געוואָרען אין די געז־קאַמערען. אָבער וואו זיינען די קערפּערס פון די געהארגעטע על קדוש השם, זייערע ביינער, זייערע קברים? — אין דער שטאָדט ל. האָבען דידייטשען ארויסגעפירט מענער אין די וועלדער און האָבען זיי צושאָסען. זייערע קינדער האָבען צונויפגענומען ליילעכער צונויפצוזאַמלען די קערפּערס פון זייערע עלטערען און בריינגען זיי צום קבר־ישראל. אָבער ווי גרויס איז געווען זייער ענטוישונג, צער און ווייטאָג ווען זיי האָבען גאָר־נישט געפונען!

אויך אַ טייל פון די אומות־העולם פרעגען די זעלבע שאלה אויף אַן אנדער

אופן, וועגען דעם שטיף־קינד ישראליקען, ווארום ישראל — דאָס אידישע פאָלק, וואָס וואַנדערט שוין ארום פאר די לעצטע געגוי צוויי טויזענד יאָהר און אומעטום וואו ער קומט איז ער אלס שטיף־קינד פאררעכענט. אין אנדערע פלעצער איז איהם אפילו גוט, אָבער אַז ער זאָל גוט ארומקוקען איז עס נאָר וויל ער האָט אַ גוטע שטיף־מאַמע. אָבער א שטיף־קינד איז ער... פרעגט אַ טייל פון די אומות־העולם: היכן קבור ישראל? וואו איז באערדיגט ישראל? אַ שוידער כאַפּט ארום אַ טייל פון די אומות־העולם, אָט ערשט האָבען אידען מיט זיי געוואוינט אין שכנות און מיט אַמאָל איז אַ גרויסער טייל אידען אויס־געריסען געוואָרען מיט׳ן וואָרצעל פון איינגעזעסענעם אָרט און פארשוואונדען געוואָרען פון דער וועלט. טראַכטען זיי זיך אריין וועגען דער אידישער לאַגע; וועלכע סבות האָבען געבראכט צו אַזאַ אידישע קאַטאַסטראָפע? ווארום איז די קרבנות פון די אידען אין מלחמה־צייט שוידערליכער און אסך גרעסער ווי ביי אלע פעלקער? — העומדים למעלה — די גרויסע דיפּלאָמאַטען, די מלחמה־מאַכער, די מיליטאַנערען, לאַרדען און אנדערע הויכגעשעצטע פאַרשוינען פון די גרויסע מלוכות — דאַכט זיי זיך אַז ישראל׳ס קבר איז אונטען. די סבה וואָס מען פאַרפאָלגט דעם אידען איז שולדיג דער אלטער דור. דער גאַנצער אומגליק, זאָגען זיי שטעקט אין זיין פאַנאַטיזם, זיי פאַרהייליגען נאָר זייערע אַלטע טראַדיציאָנען, לעבען אָפּגעזונדערט פון אלע פעלקער. זיי וואַנדערען אַרום אַהין אַ לאַנד אונטער׳ן בלויען הימעל, אזוי ווי די ציגיינער אין די בייד־לעך און רייסען זיך אריין די אידען אין פרעמדע לענדער, פאַרפיהרען ביזנעס און קאָנקורירען מיט די איינגעזעסענע אַלטע שכנים. אלזאָ ליגט ישראל׳ס קבר נאָך זייער מיינונג, אונטען ביי דעם אַלט׳ען דור.

קומט אַן אַנדער כתה, אַ גוטע שטיף־מאַמע, און צוטיילט זיך אין איהרע מיינונגען. זי זאָגט דוקא פאַרקערט. זי געפינט אויס אז ישראל׳ס קבר איז אויבען. דאָס הייסט אין דעם יונגען דור. די אידענפראַגע פאַנגט זיך אָן ביי דעם יונגען דור. די אידען פון דער אַלטער וועלט, זאָגט די גוטע שטיף־מאַמע, זיינען גאָט׳ס־פאָרכטיקע רוהיגע מענשען; זיי מישען זיך ניט אין פּאָליטיק און זיי זיינען ניט שעדליך. שלעכטס קומט ארויס פון דעם יונגען דור. די יונגע אידען שטעקען דעם נאָז וואו מען דאַרף ניט. א טייל פון דער יוגענד זיינען רעוואָלוציאָנערען, קאָמוניסטען, טעראָריסטען, פאַרפיהרען די קינדער פון די אומות־העולם און עס ברענט אויס רעוואָליוציעס. אלזאָ נאָך זייער מיי־נונג ליגט ישראל׳ס קבר ביי דעם יונגען דור. — מיט איין וואָרט די אומות העולם צוטיילען זיך אויף צוויי כתות, העומדים למעלה — וואָס שטעהען אין דער הויך האָט זיך געדאַכט אז זיי זעהן דעם קבר אונטען. והעומדים למטה — און די קלענערע מלוכות, וואָס שטעהען אונטען, גלויבען אז זיי זעהן דעם קבר אויבען, אין דער הויך. מיט איין וואָרט, מען געפינט אויס אז א קבר איז דאָ, נאָר מען ווייס ניט וואו. אזוי ווי ביי משה׳ן וויל, „משה וישראל חד הוא.

* * *

ולא ידע איש את קבורתו — דאָס הייסט קיין מענש ווייס ניט וואו משה איז באערדיגט. אויף דערויף איז דאָ צוויי טעמים: ערשטענס, שטעלט זיך די פראגע, צו וואָס האָט גאָט געמאכט, אז מען זאָל ניט וויסען דעם אָרט אין וועלכען עס רוהט דער קערפּער פון דעם הייליגען געטליכען מאַן? ווען מיר אידען, וואָלטען וויסען זיין קבר, וואָלט דאָך זיין אַ טרייסט פאר אונז. מיר וואָלטען קענען אויסגיסען אונזער פארוויטאָגטע הארץ אויפ׳ן קבר פון דעם גרויסען אָדון־הנביאים. נאָר ווען מיר בלעטערען די היסטאָריע און מיר קוקען זיך צו, וואָס עס איז פאָרגעקומען און פאסירט אמאָל מיט די קברים פון אנדערע געזעצגעבען איבער וועלכע עס איז פאַרגאָסען געוואָרען פיעל מענשליך בלוט און פיל סעקטעס האָט זיך פארשפרייט נאָך זייער טויט. אלזאָ נאָך דעם איבערבליק אויסצומיידען די אלע געפאַהרען, זעהן מיר ארויס אַז עס איז רעכט וואָס קיינער ווייס ניט זיין קבר. משה איז געווען גרויס און הייליג ביי זיין נאַציאָן ביי זיין לעבען, אָבער אז ער איז געשטאָרבען האָט זיין קערפּער פארלאָזען יעדע הייליגקייט. דאָס לעבעדיגע אידענטום פארגעטערט ניט קיין טויטע און כדי מענשען זאָלען ניט קומען צו א מכשול, דערפאר איז פון דער מענשהייט פאַרהוילען זיין קבר. דעם קבר וויסען מיר ניט; אָבער זיין הייליגע נשמה, דער דערהאָבענער גייסט זיינער, לעבט מיט אונז אידען, און וועט בלייבען לעבען אויף אייביג. אזוי ווי עס דריקט זיך אויס אונזער פילאָזאָף „אחד־העם״: „דער גרויסער משה בלייבט דער אידישער פיהרער, וואָס איז געגאַנגען פאר די אידען, ניט נאָר די פערציג יאָהר אין דער מדבר, נאָר אויך אין די טויזענדער יאָהרען פון וואנדערען אין די פארשידענע מדבריות, פון מצרים ביז היינטיגען טאָג״

צווייטענס, דעם ולא ידע איש את קבורתו — פארענטפערט די גמרא אין (סוטה דף י״ד הגהות הב״ח) ר׳ חמא בר׳ חנינא ערקלערט דאָס אזוי: דער אויבערשטער האָט געוואוסט אז דער בית־המקדש וועט חרוב ווערען און אַז די אידען וועלען פארטריבען ווערען פון זייער לאַנד, האָט ער געוואָלט פאר־מיידען, אז די אידען זאָלען ניט קומען צו משה׳ס קבר און בעטען איהם, ער זאָל בעטען רחמים פאר זיי פאר׳ן רבש״ע אז דער אומגליק זאָל ניט קומען. דעמאָלסט וואָלט משה מבטל געווען די גזרה, און אָט דערפאר איז משה׳ס קבר פארבאָרגען פון דער וועלט. (סוטה דף יד׳ הגוהת הב׳ח).

* * *

פון אלעס אויבענדערמאָנטע זעהען מיר ארויס אז משה איז דער אויס־דערוויילטער מאָן ביים פאָלק און גרעסטער מענש פון אלע צייטען. ער איז דער אבי הנביאים, ווארום מויל צו מויל רעדט מיט איהם גאָט — ניט דורך רעטע־

נישען און ערשיינונגען — ער קוקט אן גאָט׳ס געשטאַלט. משה׳ס מיסיע איז זעהר אַ שווערע: אן אייזערנע וואַנט האָט דער נביא געהאט דורכצוברעכען, כדי ארויסצורייסען דאָס שעפעלע פון וואַלפ׳ס שארפע ציינער...

פון אָנפאַנג האָט ער זיך אַנגעשטויסען אויף טויבע אויערען, נאָר ביסלעכ־ווייז, ביסלעכווייז ווירקען זיינע רייד אויף דאָס פאָלק ישראל און אויף פרעה׳ן. דער קאַמף מיט פרעה׳ן איז זעהר א שווערער. אָבער צום סוף זיגט דער נביא מיט דער הילף פון גאָט. און דאָס פאָלק ישראל געהט ארויס מעבדות לחרות. אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען באוואונדערט דעם גרויסען אידישען נצחון און געזעהן די נסים ונפלאות פון רבנש״ע. — נאָר דאָס איז נאָך ניט גענוג, דער ריעז משה, געהט ווייטער: ער לערענט און דערציט די אידען, הויבט זיי אויף צו אַ העכערע מדרגה, אזוי ווי א געטרייער פאָטער זעהט בעפאָר אז זיין קינד זאָל זיין געזונט, שטאַרק, פיהלען זיך פריי און דערנאָך איז ער איהם מחנך צו געהן אין א גוטען וועג, אזוי איז משה, נעהמט אריין אין זיינע אָרעמס דאָס גאנצע פאָלק ישראל און גיט זיך צו איהם איבער בלב ונפש. ווען דאָס פאָלק האָט אראָפּגעוואָרפען פון זיך די שווערע קייטען פון מצרים, געוואָרען פריי, זעלבסטשטענדיג, דאַן נעמט זיך משה צו צוגרייטען דאָס פאָלק, אז זיי זאָלען זיין ראוי מקבל צו זיין די תורה. אָבער דער נביא משה איז אַ מענש, ניט קיין מלאך. ער האָט געמיינט אַז נאָך אזויפיל מיה און ענערגיע, וואָס ער האָט געאָפּפערט צו דערציהען אַ דור דעה, איז ער שוין פאַרטיג מיט זיי. נאָר, ניין! ער איבערצייגט זיך אז דאָס פאָלק איז נאָך נישט רייף צו דערקענען אויף אייביג דעם „בורא־עולם״: די באצילען פון גלות מצרים האָבען פאַר־סם׳ט די געפילען פון אַ טייל אידען. נאָך אַלע נסים ונפלאות קענען זיי נאָך ניט באגרייפען דעם „שומר ישראל״. בעת משה האָט זיך פאַרזאַמט אויפ׳ן באַרג סיני, דאַן האָט אַ טייל פון דאָס פאָלק באַלד צו־שטערט אלע „גייסט־שלעסער״, וואָס דער נביא האָט געבויט. דעם נביא טוט דאָס שטאַרק וועה, אָבער ער איז ניט מיאש און נעמט זיך פון דאָסניי מחנך צו זיין דאָס פאָלק און גיט זיי אַ תורה דורך גאָט. און די תורה איז דער וועג־ווייזער אויף אייביג פאר דאָס אידישע פאָלק און פאר דער גאנצער וועלט.

די צייט לויפט, עס קומט די צייט צוגעהן אין ארץ־אָבות; עס שטייט פאַר אַ גרויסער קאַמף דורכצומאַכען. משה שיקט מרגלים אויסצוזעהן דאָס לאנד. אָבער די מרגלים האָבען אָפּגעגעבען אַ שלעכטען רעפּאָרט. זיי האָבען ענטמו־טיגט דאָס גאנצע פאָלק. די מרגלים האָבען צוּבראָכען דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ. דאָס פאָלק איז באַפאַלען משה׳ן מיט אהרן מיט אזעלכע שרעקליכע רייד: „הלואי וואָלטען מיר בעסער אין מצרים געשטאָרבען, אָדער אין דיזען מדבר, ווי געהן אין יענער לאַנד.

זיי זיינען געוואָרען ווילד, זיי האָבען רעוואָלטירט... געוואָלט פאַרשטיינען

משה׳ן מיט אהרנ׳ען מיט כלב׳ן און יהושע׳ן צוזאמען פון אויפרעגונג האָבען זיי אַ גאַנצע נאַכט געוויינט.

פאַר׳ן נביא איז קלאָר געוואָרען, אז דאָס פאָלק קען ניט ארויסרייסען די וואָרצלען פון קנעכטשאפט, אין גאנצען פריי ווערען זיי שוין קיינמאָל נישט ווערען, ווארום זיי האָבען אין זיך ניט דעם מוטה, די אנטשלאָסענקייט, די מסירת נפש, צו קעמפען מיט׳ן שונא, באַזיגען איהם און איינעמען אַ נאַציאָנאַלען לאנד און פיהרען דאָרט אַ נאַציאָנאלען לעבען.

דער נביא איז דאַן גוזר דורך גאָט אז דער דור זאָל אונטערגעהן אין גאנצען, דאָס הייסט זיי זאָלען זיך אויסלעבען זייערע יאָהרען אין דער מדבר. און משה באשליסט צו בלייבען נאָך פערציג יאָהר אין דער מדבר... דאָס פאָלק איז גאנץ פריה אויפגעשטאַנען, זיי האָבען זיך באַדענקט און האָבען חרטה געהאט אויף זייער האנדלונג געגען משה׳ן, אָבער דער נביא האָט זיי געזאָגט: „איהר וועט ניט אויפגעהן, גאָט איז ניט מיט אייך״! — דער אלטער דור איז אויסגעשטאָרבען אין דער ווילדערניש אין משך פון די פערציג יאָהר.

אין דער צייט איז אויסגעוואקסען א נייער דור, וועלכען משה האָט אויפגעהאָדעוועט און מחנך געווען: דער נייער דור איז געווען איינגעזאָפּט מיט פאַטריאָטיזם. זיי זיינען געווען גרויסע העלדען, קעמפער, וועלכע האָבען זיך ניט אָפּגעשראָקען פאר קיין שונא ניט און געווען גרייט צו געבען קרבנות פאָר זייער נאַציאָנאַלען לאַנד. און מיט אזעלכע העלדען, וועלכע זיינען צו געגרייט צו ערוואָרבען דאָס לאנד, איז משה גרייט צו מארשירען אין ארץ ישראל און באַזיגען דעם שונא. נאָר זיין פרייד איז אומזיסט, ווארום גאָט זאָגט איהם אויפ׳ן העכסטען שפּיץ פון בארג נבו: „דאָס איז דאָס לאנד, וואס איך האָב געשוואָרען צו אברהם, יצחק און יעקב זאָגענדיג: „צו דיינע קינדער וועל איך עס אוועקגעבען!״ איך האָב דיר געוויזען צו באקוקען ווייל דו וועסט אהין ניט אריבער״.

דאָס קומט אלץ פאָר ווייל עס קומט אַ צייט פון אַ נייער תקופה — עס קומט אַ צייט פון „כבוש הארץ״, מען מוז פארווירקליכען דעם אידעאל אין מעשים, אין לעבען, מוז מען האָבען צו דעם אַן אַנדער העלד — א קריגס־העלד. משה דער גרויסער ענו און דער גרויסער צער־בעל החיים׳ניק — איז אומפעהיג דורכצופיהרען אַזאַ מיסיע. דערפאר האָט משה געמוזט אָפּטרעטען דעם וועג צו אַ קלענערע פערזענליכקייט, צו א קריגס־העלד יהושע׳ן, וועמען עס גיט זיך איין מיט גאָט׳ס הילף איינצונעמען דאָס לאנד „ארץ ישראל״ און באזעצען דאָרטען דאָס פאָלק ישראל.

משה שטאַרבט דורך אַ קוש פון גאָט אויפ׳ן הר־העברים״. דעם אָרט פון קבר ווייסען מיר אידען, ניט. אָבער דער דערהאַבענער גייסט זיינער לעבט מיט אונז אידען, און וועט בלייבען לעבען אויף אייביג. אזוי ווי עס

דריקט זיך אויס אונזער פילאָזאָף „אחד־העם״: „דער גרויסער משה בלייבט דער אידישער פיהרער, וואָס איז געגאַנגען פאַר די אידען, ניט נאָר פערציג יאָהר אין דער מדבר, נאָר אויך אין די טויזענדער אָהרען פון וואַנדערען אין די פארשידענע מדבריות, פון מצרים ביז היינטיגען טאָג.

די פראַכטפולע, איינדרוקספולע תפלות אין ימים נוראים׳ דיגען דאַוונען: כל נדרי, עלינו לשבח, ונתנה תיקף, אלה אזכרה ונפשי עלי אשפכה — עשרת הרוגי מלכות, און זייער געשיכטע

כל-נדרי

ווען א איד איז אין אַ גוטער שטימונג דאַן הויב ער אָן צו זינגען אַ „זמר׳ל״ מיינט איהר אַ פריילאַכס פון שמחת־תורה, אַ „ריקודל״, עט, חלילה, דאָס איז צופיל עולם־הזה׳דיק. עס כאַפּט זיך ביי איהם ארויס אָט דער „ניגון״ פון „כל־נדרי״ ניט נאָר ביי דעם אָרטאָדאָקסישען אידען, אפילו ביי דעם וואָס איז שוין אביסעל „געכאַפּט״... אויך ביי איהם כאַפּט זיך ארויס דער „ניגון״ אָט אזוי פלוצלינג אז ער באמערקט גאָר ניט ווי דאָס איז געשעהן... דאָס קומט פאַר איבער דעם, ווייל דער „ניגון״ פון „כל־נדרי״ איז איינגעזאַפּט געוואָ־רען ביי דעם אידען מיט דער מאַמעס מילך, מיט דעם ניגון פון „כל־נדרי״ האָט די מאַמע דעם קינד פארוויגט; די טענער קלינגען און זינגען אין דאָס קינד׳ס האַרץ. די הימלישע קלאַנגען פון „כל־נדרי״ — קלאַנגען פון געוויין און געבעט, צער און פיין, פרייד און האָפנונג — באַגלייטען דעם אידען פון יאָהר איין, יאָהר־אויס און אויף אייביג.

פרעגט זיך א פראגע, ווער האָט געשאַפען די אייביגע תפלה „כל־נדרי״ מיט׳ן רירענדיגען מאָטיוו? אפשר האָבען דאָס מלאכים געשאפען?

אָ, יע, מלאכים — בצורת אנשים, געטליכע מענשען פון דורות האָבען גע־שאפען א אייביקע תפלה, א אייביקע מתנה פאר׳ן כלל ישראל.

די הייליגע תפלה „כל־נדרי״ האָבען געשאַפען די גאונים. אייניגע זיינען

מיט'ן מיינונג אַז די תפלה „כל־נדרי" מיט'ן מאָטיוו האָבען געשאפען די אנוסים אין צייט פון שפּאַניער אינקוויזיציע. די אנוסים פלעגען זיך באַהאַלטען אין די טיפע קעלערס, וואו זיי האָבען געהאט דאָרטען שוהלען און פלעגען דאָרטען אויסגיסען זייער הארץ פאַר גאָט אין דער תפלה „כל־נדרי". און ווען די שארפע אויג פון די אינקוויזיטאָרס פלעגט זיי אויסשפּירען, דאַן פלעגט מען זיי פארברענען לעבעדיקערהייט אויף די שייטער־הויפען.

מיט דער תפלה „כל־נדרי" האָבען אָפּגעלייקענט די אנוסים די אַלע געצוואונגענע דערקלערונגען וועגען אָנעמען די נייע רעליגיע.

אין דער תפלה „כל־נדרי" האָבען די אנוסים אויסגעגאָסען די טיפסטע געפילען פון רעליגיעזען בענקשאפט צו גאָטהייט. אין „כל־נדרי" האָט די התלהבות פון דער גלויבענדיגער זעלע עררייכט די העכסטע מדרגה. איטליכער וואָרט פון „כל־נדרי" איז אָנגעזאָפּט מיט בלוט, און אין איהר הילכט אָפּ די מסירת־נפש פון די אומה הישראלית, וואָס איז זיך מוסר־נפש על קדוש־השם. — אין ניגון פון „כל־נדרי" ווערט אמשטאַרקסטען און אמ'בולט'סטען אויסגעדריקט די גרויסע טראגעדיע פון דעם אידישען פאָלק, וואָס האָט מיט איהם געטראָפען זינד ער האָט פארלאָרען זיין פאָטער־לאנד ביז היינטיגען טאָג. אין דער מעלאָדיע קלינגט אָפּ דער טרויער און דער וויטאָג פון דורות.

די תפלה „כל־נדרי" מאכט אן איינדרוק ניט נאָר אויף אידען, נאָר אויף דער גאנצער מענשהייט: די מאָנענדיגע טענער פון „כל־נדרי" פאָדערען אַרויס די וועלט צו משפט און רעכנונג פאַר פייניקען דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז אומשולדיק! די מאָנענדיקע טענער וועקען אויף אפילו דעם געפיל פון מיטלייד און חרטה פון די אומות־העולם, וועלכע האָבען באגאנגען שרעקליכע רציחות מיט זייער שכן ישראל־סבא. און אזוי ארום בלייבט די הייליגע תפלה „כל־נדרי" אומשטערבליך אויף אייביג.

* * *

עלינו לשבח

עלינו לשבח — מיר דאַרפען לויבען — איז אַ תפלה וואָס מען זאָגט צום סוף פון דאַוונען: ווי אַזיך אין דער תפלה פון מוסף ראש השנה און יום כפור. די תפלה איז אזוי הייליג ביי אידען, אז אידישע מאַרטירער פלעגען שטאַרבען מיט „עלינו" אויף די ליפען. די תפלה איז זעהר אַן אלטע, עס איז דאָ אַ מיינונג אז יהושע בן־נון האָט זי פארפאסט און עס געזאָגט ביז די ווענט פון שטאָדט יריחו זיינען איינגעפאלען. — לויט דער מיינונג פון געלערנטען מענדעלסאָן, איז זי פארפאַסט געוואָרען אין דער צייט פון בית־המקדש. מען זאָגט די תפלה „עלינו" שטעהענדיג ביים אָפענעם „אָרון־קודש".

— די צאָל פון די אותיות „עלינו" באַטרעפט פונקט ווי די צאָל פון די אותיות „ומעומד" — הונדערט זעקס און זעכציג.

צוליב דעם וואס אין דער תפלה זיינען פאַראַנען שארפע ווערטער קעגען געצענדינעריי האָט מען גע׳מסרט די אידען אין מיטעלאלטער, אַז דערמיט זיינען זיי מכוון קעגען דער קריסטליכער רעליגיע; און גאַנץ אָפט זיינען גע־ווען גזרות ניט צו זאָגען „עלינו". — אבער די תפלה „עלינו לשבח" האָט איבערגעלעבט אלע פארפאָלגונגען און אלע שונאים און פארבליבען ביי אונז אידען אויף אייביג.

* * *

ונתנה תוקף

ונתנה־תוקף קדושת היום — לאָמיר דערצעהלען די הייליגקייט פון טאָג — איז אַ שעהנע פּאָעטישע תפלה, עס ווערט אין דער תפלה פאָרגעשטעלט ווי אין הימעל ווערען די מענשען גע׳משפט צום טויט אָדער צום לעבען. ונתנה תוקף ווערט געזאָגט אום ראש השנה און יום כפור אין די שוהלען, זי לייכט צווישען די תפלות ווי אַ ברילִיאַנט אין אַ קאָראָנע. די תפלה ענט־האָלט אין זיך דעם עקסטראַקט, דעם עסענס, דעם תמצית פון מענשענס לעבען; זי ציינט אָן די געטליכע קראַפט וואָס געוועלטיגט איבער דער מענשהייט. די תפלה ענטהאלט אין זיך אַ קראַפט, א צויבער, אַ מאַגנעט, ווייל זי איז פאַרפאַסט מיט בלוט און מארדפון דעם גרויסען צדיק רבי אמנון ז׳צ׳ל.

דער גרויסער צדיק רבי אמנון איז געווען גרויס אין תורה, חכמה אויך אין עשירות. געווען א גרויסער נכבד ביי דעם פירשט פון מאַינץ. דער פירשט מיט זיינע שרים האָבען געפאָדערט פון רבי אמנון אז ער זאָל פארבייטען זיין גלויבען אויף זייערען. פריהער זיינען זיי צוגעשטאַנען צו איהם מיט גוטען, דערנאָך מיט בייזען. ר׳ אמנון האָט ניט געפאָלגט און מקדש השם געווען, ווי עשרת הרוגי מלכות. רבי אמנון איז געווארען געפייניגט ביסורים, קשים ומרים. פאר׳ן שטאַרבען האָט ער געבעטען אַז מען זאָל איהם ברענגען אין שוהל, און אָפּגעזאָגט לפני קהל ועדה אין שוהל אום ראש השנה די תפלה: ונתנה תוקף" און דערנאָך אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה. — די הייליגע פלאַמענדיגע תפלה וואָס רבי אמנון האָט פאַרפאַסט, אין וועלכע עס כאפט ארום די גאנצע נשמה פון כלל ישראל, איז אָנגענומען געווארען פון אלע אידישע קהלות און געבליבען אויף אייביג צווישען אונזערע תפלות טייער און הייליג ביי איטליכען אידען.

* * *

תפלות יום-כפור „אלה אזכרה ונפשי עלי אשפכה"

די צעהן צדיקים — וואָס מען האָט אומגעבראכט, אז איך טוה מיך דער־מאָנען צו גיסט זיך אין מיר מיין נשמה. —

די תפלה דערמאָנט אונז די רציחות פון רוימישען קיסר הדריאַן. די תפלה איז איינע פון די איינדרוקספולע תפלות, וואָס מאַכט ציטערען איטליכע אי־דישע האַרץ. די עשרה הרוגי מלכות זיינען געווען: צעהן גרויסע אידישע פאַרשטעהער „תנאים" וואָס די רוימער האָבען זיי גרויזאם אומגעבראכט דערפאר, ווייל זיי האָבען עפענטליך געלערענט תורה און אויך אייניגע פון זיי האָבען רעוואָלטירט אנטקעגען רוים.

די תפלה שילדערט אָפּ שוידערליך דעם טויט פון די צדיקים, וועלכע האָבען מקדש השם געווען.

די ארזי הלבנון זיינען די פאָלגענדע:

רבן שמעון בן גמליאל, נשיא ישראל.
רבי ישמעאל כהן גדול.
רבי עקיבא.
רבי חנניא בן תרדיון.
רבי חוצפית המתרגמן.
רבי אליעזר בן־שמוע.
רבי חנינא בן־חכינאי.
רבי ישובב הספר.
רבי יהודא בן דמה.
רבי יהודא בן בבא.

* * *

ישמעאל כהן גדול.

קומט ארויס פון א בכבודדיגע כהנ'שער משפחה. ער איז געווען אַ בילד שעהנהייט: מיט וואונדערבארע שווארצע אויגען און פרעכטיגע געלאָקטע האָר. ישמעאל איז איבערגעבליבען א יתום. צעהן יאָהר אלט: זיינע עלטערען זיינען דערהארגעט געווארען בעת'ן חורבן. די רומאים האָבען געפאַנגען ישמעאל'ן און איהם אָפּגעשיקט קיין רוים, וואו מען האָט איהם דאָרטען אריינגעוואָרפען אין תפיסה. גראד דאמאָלסט אויף זיין מזל האָט זיך געפונען אין רוים, וועגען אידישע אַנגעלעגענהייטען, דער תנא רבי יהושע בן־חנניא — דער גרעסטער געלערענטער אין יענעם דור. מען האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם וואונ־דר־קינד ישמעאל. רבי יהושע האָט באזוכט דעם קינד אין תפיסה און באַ־וואונדערט זיין שעהנקייט. רבי יהושע האָט אויסגערופען מיט טרויער אַ פסוק,

וואָס דער נביא ישעיה האָט געזאָגט: „ווער האָט איבערגעגעבען צו אויסרוי־בונג יעקב און ישראל צו רויבער״ — האָט איהם דער אינגעל געענפערט מיט דער צווייטער העלפט פון זעלבען פסוק, וואָס ישעיה הנביא האָט געזאָגט: „דאָס איז גאָט, געגען וועלכען מיר האָבען געזינדיגט און אין זיינע וועגען זיינען מיר ניט געגאנגען״. — ווען יהושע האָט דאָס דערהערט האָט ער אויסגע־רופען: „איך בין זיכער אז פון דעם דאָזיגען אינגעל וועט אויסוואַקסען אַ גרויסער תלמיד־חכם צווישען אידען, און איך שווער אַזוי לאַנג נישט צו רוהען, ביז איך וועל איהם פון דאַנען ארויסנעמען״.

רבי יהושע׳ן האָט זיך איינגעגעבען צו באפרייען ישמעאל׳ן.

דער שעהנער ישמעאל האָ זיך ענטוויקעלט סיי גייסטיג, סיי קערפערליך. ער האָ פריהער געלערענט אין דער ישיבה פון דעם באוואוסטען צדיק נחום איש גמזו פון דער שטעטעל קרכה. דערנאָך אין ישיבת ד׳יבנה האָט ער געלע־רענט תורה פון רבי אליעזר בן הורקנוס און רבי יהושע. ער האָט דערגרייכט דעם טיטול „תנא״ און — כהן גדול.

ישמעאל כהן גדול פלעגט אריינגעהן אין קדשי־קדשים בקדושה ובטהרה, מיט׳ן רוח הקדש; אויף זיין שעהנעם פנים פלעגט לייכטען די שכינה. ער פלעגט זיך אין גאנצען ענטזאגען פון גשמיות און איבערגעבען זיך אין רוחניות; שוועבען מיט זיינע מחשבות אין די עולמות העליונים; איבעגעבען זיך מיט׳ן גאנצען עקסטאַז, בלב ונפש צום רבנש״ע. מתפלל זיין פאר׳ן כלל ישראל, אויסבעטען א שנת חיים ושלום און דערהויבען זיך צו אַזאַ מדרגה ווי אַ מלאך אלקים. דערפאר שטעהט געשריבען: „ואדם לא יהיה באהל מועד״— א מענש זאָל ניט זיין אין אהל מועד, נאָר דער מענש מוז דורך זיין קדושה פארקערפערט ווערען אין א מלאך. — ישמעאל כהן גדול איז אויך געווען באוואוסט מיט זיינע מדות טובות. ער סלעגט די גאנצע הכנסה פון זיינע וויינגערטנער אויסברייגגען אויף צדקה זאָכען און באזונדערס אויף צו פארזאָר־גען אידישע יתומות, וואָס זייערע עלטערען זיינען אומגעקומען ביים חורבן.

אָט אַזאַ וויכטיגע פערזענליכקייט א „ארז־הלבנון״ איז אָפגעהאַקט גע־וואָרען דורכ׳ן רוימישען שווערד

* * *

רבן שמעון בן־גמליאל נשיא ישראל

רבן שמעון בן גמליאל דער ערשטער איז געווען אַ „תנא״ און נשיא פון סנהדרין אין דער צייט פון חורבן בית שני, זון פון רבן גמליאל הזקן. אין דער צייט פון דער מלחמה קעגען די רוימער איז ער געווען אויף דעם צד, וואָס האָט געהאלטען אז מען דארף יאָ פיהרען די מלחמה. ער האָט דאן אויס־געארבייט א קלאָרען פלאַן ווי אזוי צו פארטיידיגען יהודא. ער איז דער ערש־טער „קדוש״ פון די עשרה הרוגי מלכות, וואָס איז אומגעקומען אויף קדוש השם.

רבי עקיבא

רבי עקיבא איז געווען דער רעליגיעזער פיהרער פון די אידען. איינער פון די גרעסטע תנאים. ער האָט גע׳דרשנט אויף יעדער שטריכעלע־אות גאנצע בערג מיט הלכות. ער איז איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. רבי עקיבא איז ביז פערציג יאָהר געווען אן אומוויסענדער פאַסטוך. צום סוף איז ער געווען אַן אויפזעהער ביי כלבא שבוע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין „הכנסת־אורחים״. מי שבא לביתו רעב ככלב יצא שבע, לכן קראו אותו כלבא שבוע. — רחל די שעהנע, קלוגע, געלערענטע כלבא שבועס טאָכטער, באוואונדערט עקיבא׳ס פעהיגקייטען און זעהט ארויס, אז דער שעהנער שטאַרקער פאַסטוך וועט נאָך זיין א גרויסער תלמיד־חכם. זיי פארליבען זיך — רחל האָט חתונה מיט עקיבא קעגען דעם פאָטערס ווילען, נאָר בתנאי זה אז עקיבא זאָל ווערען אויס פאַסטוך און אָנפאנגען לערנען תורה. עקיבא האָט מסכים געווען דערויף. דער פאָטער האָט זיך אנטזאגט פון איהר און ער האָט זי מעביר נחלה געווען. זיי האָבען זיך באזעצט אין דעם קליינעם שטעטעלע (קארכע) לעבען גמזו, וואו ר׳ נחום איש גמזו האָט געלערענט מיט תלמידים אין זיין ישיבה. ר׳ עקיבא איז געוואָרען א תלמיד ביי ר׳ נחום איש גם זו. עס האָט זיך אין גיכען ארויסגעוויזען אז עקיבא איז באַגאַבט מיט גרויסע פעהיגקייטען. ער האָט געשטייגט הויך און געוואָרען א תלמיד חכם. אַ טייל פון טאָג פלעגט ער ארבייטען שווערע ארבייט צו שטיצען זיין פאמיליע און אַ צייט פלעגט ער אויך אָפּגעבען אין ווידמענען פאר לערנען תורה. די ישיבה פון צדיק ר׳ נחום איש גמזו איז געוואָרען פאר איהם צו קליין. ער האָט געפילט אַז ער דאַרף שוין האָבען אַ העכערע לעהרע, איז ער אוועקגעפאָהרען אין ישיבת דיבנה, צו הערען תורה פון רבי אליעזר בן הורקנוס און רבי יהושע. מיט דער צייט איז רבי עקיבא געוואָרען איינער פון די גרעסטע תנאים. ער האָט געגרינדעט אן אייגענע ישיבה אין בני ברק. ער האָט געהאט צוואנציג פיער טויזענד תלמידים (יבמות ס״ב). רבי עקיבא איז געווען אויך א גרויסער רעדנער — מיט זיין רעדעס־קראַפט פלעגט ער צוציהען גרויסע מאַסען. ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא קעגען דער רוימישער הערשאפט אין ארץ ישראל איז רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים געוואָרען די אָנהענגער פון בר־כוכבא רבי עקיבא האָט אָנגענומען בר־כוכבא פאר׳ן משיח׳ן און האָט גערעכענט אז אויף איהם ווייזט דער פסוק׳ „דרך כוכב מיעקב״ — עס איז אויפגעטראָטען אַ שטערען פון יעקב, אַ הערשער פון ישראל. — רבי עקיבא איז ארומגעפאהרען איבער ארץ ישראל און איבער אַנדערע לענדער און מיט זיין רעדעס־קראפט געוועקט דאָס פאָלק אראָפּצוּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון די רומאים און העלפען בר־כוכבא אין זיין

אויפשטאַנד. דער אויפשטאַנד האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבען און די רוי־מער האָבען באזיגט די אידען.

דער רוימישער קיסר הדרינוס, נאָך בר־כוכבא׳ס אויפשטאַנד האָט ארויס־געגעבען שרעקליכע גזרות רעות: מען זאָל נישט לערנען תורה, ניט מַל זיין וכו׳ אויך האָט דער קיסר געהייסען באשטראָפען מיט׳ן טויט די אידען וואָס וועלען אָפּהיטען שבת, דאַוונען, לייגען תפילין. רבי עקיבא איז געבליבען טריי זיין פעסטער איבערצייגונג אז מען מוז לערנען, ווארום אָהן דער תורה וועט מען צווישען די רוימער געוויס פארניכטעט ווערען. און אזוי האָבען גע־האַלטען אלע עשרה הרוגי מלכות און כמעט אלע אידען, כאָטש די רוימער האָבען רבי עקיבא׳ן איינגעשפּאַרט אין תפיסה און אַנגעטאָן איהם ענוים קשים, האָט ער זיך ביז צום לעצטען אויגענבליק געהאלטען ווי א גבור. ווען מען האָט איהם אָפּגע׳משפט להריגה און מען האָט מיט אייזערנע קאָמען (במסרקות של ברזל) געריסען פּאַסען פון זיין לייב, האָט ער אלע יסורים אָנ־גענומען פאר ליעב. און מיט די הייליגע ווערטער: „שמע ישראל״ האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה. — אזוי ווי רבי עקיבא, אזוי האָבען אלע עשרה הרוגי מלכות באצאָהלט מיט׳ן לעבען און מוסר נפש געווען זיך על קדוש השם.

* * *

איך מוז מאכען א באמערקונג, אז לויט דעם ספור פון די מדרשים און לויט נאָך די תפלה: „אלה אזכרה״ זיינען אלע צעהן תנאים אומגעקומען אין איין צייט. אָבער דאָס שטימט ניט מיט די היסטאָרישע פאַקטען, ווייל ווי מ׳יר ווייסען איז, למשל, דער תנא רבי עקיבא אומגעקומען פופציג זיבען יאָהר נאָכ׳ן חורבן בית המקדש, אלזאָ נאָך רבן שמעון בן גמליאל הנשיא, וואָס איז געווען ביי אידען אין דער צייט פון חורבן בית שני. דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן תנא רבי חנינא בן תרדיון.

די קוואלען פון אַנטיסעמיטיזם.

מען דערצעהלט א גלייך ווערטעל, אידען און קריסטען זיינען געפאָהרען אין אַן אייזענבאַהן. איינער פון די קריסטען האָט געהאלטען אין איין רעדען אויף די אידען. שיט אויף זיי פּעך און שוועבעל. אַ איד, וואָס איז געזעסען קעגענאיבער דעם אנטיסעמיט, האָט מיט אמאָל געגעבען א גענעץ.

— שאַ! — שרייט דער אנטיסעמיט — וואָס האָסטו אויפגעעפּענט אַזאַ מויל אויף מיר? ווילסטו מיך איינשלינגען?

— חלילה, ענטפערט דער איד, רוהיג — דו ווייסט דאָך אז מיר, אידען, טאָרען קיין חזיר ניט עסען...

יע, אמת, עס איז דאָ שלעכטע קריסטען, אָבער אויך גוטע, און עס איז דאָ אויך חסידי אומות העולם. ־ נאָר די מעהרהייט גואים, נאָך די פּאַסירונגען פון דער לעצטער צייט, זיינען אנטיסעמיטיש געשטימט. — אנטיסעמיטיזם איז אן אלטע קרענק פון וועלכע אונז אידען קומט אויס שטאַרק צו ליידען. דער שנאת עולם לעם עולם געהט דורך ווי א רויטער פאָדים דורך גאנץ תנ״ך און תלמוד. מיר זאָלען זיך צוקוקען באספּיקלריה מאירה זעהן מיר אז דער אנטיסעמיטיזם הויבט זיך אָן נאָך פון אברהם׳ס צייטען אָן: דער מלך סדום, וואָס איז באפרייט געווארען דורך אברהם׳ען זאָגט צו אברהם׳ען מיט שטעך־ווערטער: „תן לי הנפש והרכוש קח לך״ — גיב מיר אָפּ די נפשות וואָס דו האָסט געפאנגען און דאָס רייכטום נעם זיך; ווארום איהר, אידען, זייט דאָך א געלד־גייציג פאָלק און אייער כונה איז נאָר צו באקומען די ממתקים... אברהם ענטפערט דעם מלך סדום: „אם מחוט ועד שרך נעלו — איך וועל פון דיר, מלך סדום, ניט נעהמען אפילו דעם ווערט פון א פאָדים אָדער אַ שוך־בענדעל, ווייל איך קען אייך מלכים פון סדום גאנץ גוט, אייער טענה איז אימער געגען די אברהם׳ס, אז פון אייך ווערען זיי רייך. „ולא תאָמר אני העשרתי את אברהם״ — און דו זאָלסט זידניט קענען בארימען: איך האָב רייך געמאכט אברהם׳ען. — אברהם איז „אַ איד״ וואָס באנוצט זיך ניט מיט יענעמס אומגליק, ווי סדום, אברהם אין אן עת צרה ראַטעוועט ער מענשען און קערט אום זיי זייער גוטס.

יצחק אין גרר בעארבייט די ערד מיט׳ן קערפּערליכער שווייס און מיט די מאָזאָליעס אויף די הענט, די ערד איז וויסט, פארטרוקענט, ער שרעקט זיך נישט אָפּ, ער אָקערט און באארבייט די פעלדער אונטער די גרעסטע שוועריגקייטען. גאָט שיקט זיין ברכה, ער נעמט אראָפּ גרויסע קראָפּען פון פעלד און לעבט זיך גוט פאַנאַנדער. דאן זיינען זיך מתקנא אָן איהם די שכנים, די פלשתים, און מען טוט אָפּ אַ שפּיצעל, מען פאַרשיט די ברונימער, וועלכע זיינען געגראָבען געווארען דורך יצחק׳ן. מען דערגעהט איהם די יאָהרען. נאָר יצחק זיצט פאָרט אויף זיין פּלאַץ, ביז וואַנען אבימלך זאָגט איהם ארויס זייער מיינונג, אז ער זאָל זיך אָפּטראָגען פון זיי: „לך מעמנו כי עצמת ממנו מאד״ — דו ביזט א פרעמדער, געה אוועק פון אונז, אלעס וואָס דו האָסט דאָס רייכטום איז דאָס פון אונז, דו האָסט דאָס אָנגעלעבט דורך שווינדלעריי, געה פון דאַנען!

— יצחק טרעט אָפּ. ער באזעצט זיך אין נחל גרר. אבער גאָט גיט איהם די ברכה אין אלע זיינע אונטערנעמונגען. שפּעטער קומט צו איהם אבימלך מיט דער גאנצער סוויטע און בעטען איהם ענטשולדיגונג און ער זאָל מיט זיי כורת־ברית זיין און לעבען בשלום.

— נאָך וואָס זייט איהר צו מיר געקומען, זאָגט זיי יצחק, איהר האָט דאָך מיר פיינט און מיר געוויזען די וועג...

ענטפּערען זיי יצחק׳ן: מיר זעהן אָבער אז גאָט איז מיט דיר, יצחק, אין אַלעס וואָס דו טוסט, ווילען מיר מיט דיר לעבען אין פרידען. — נו, קלערט זיך יצחק, שלום איז א גרויסע זאַך און מען מאכט שלום.

די זעלבע זאַך אזוי ווי אמאָל קומט אויך פאַר איצט די אידען אין שפּאַניע האָבען געליטען יסורי גיהנום; מען האָט צום סוף געגויט די אידען צו פאַר־לאָזען שפּאַניע. דאַן איז דאָס לאַנד אָהן אידען פאַראָרעמט געוואָרען. ניטאָ די אידען, וועלכע ברענגען אריין לעבען אין יעדער אונטערנעהמונג. האָט שפּאַניע געבעטען אידען צוריק זיך באַזעצען דאָרטען און זיי וועלען באַקו־מען בירגער־רעכט. נאָר גאָר א קליינע צאָהל אידען האָבען זיך דאַן אָפּגערופען.

אויך יעקב׳ן פארפאָלגט דער אנטיסעמיטיזם. יעקב פאָלט אריין צום געלען רמאי לבן׳ן. ארבייט ביי איהם שווער און ביטער, אזוי ווי יעקב זאָגט: איך בין געוועזען ביי טאָג פארצעהרט פון דער היץ, און פון קעלט — ביי־נאַכט, און עס איז פארוואָגעלט געוואָרען דער שלאָף פון מיינע אויגען. מיט אַמאָל הערט ער ווי לבנ׳ס קינדער ריידען אז אלעס האָט יעקב צוגענומען. ער איז געוואָרען רייך אויפ׳ן חשבון פון אונזער פאָטער לבן.

אָבער ווען יעקב קומט אין ארץ ישראל צו זיין טאַטען אהיים דאַן פאַר־פאָלגט איהם שוין ניט דער אנטיסעמיטיזם.

יוסף ראַטעוועט דאָס לאַנד מצרים פון הונגער, און פרעה זאָגט צו יוסף׳ן: „עס איז ניטאָ אין מצרים א פארשטענדיגער און קלוגער מאַן ווי דו ביסט״ פרעה האָט יוסף׳ן געזעצט איבער דאָס גאנצע לאַנד פון מצרים.

אוועק די גליקליכע צייט און דער נאָך ויקם מלך חדש — עס איז אויפ־געשטאַנען א נייער קיסר און האָט אָנגעהויבען טראכטען ווי פטור צו ווערען פון די אידען. —— דאָס וואָס דאָס אידישע פאָלק אין מצרים איז מעכטיג, רייך און שטאַרק איז אַלץ „ממנו״, פון אונז מצרים — מען דאַרף אויף איהם ארויפלייגען שווערע נאלאָגען און איהם אָפּשוואכען.

בלק האָט אויך מורא פאר די אידען, ער לויפט צום חכם להרע פון יענער צ״יט, צו בלעם׳ען ער זאָל איהם ראַטעווען פון די אידען.

און אזוי ווייטער, כמעט אין איטליכען דור איז זעהר שטאַרק בולט דער אַנטיסעמיטיזם. — אין פרס צייכענט זיך אויס מיט זיין פיינדשאפט צו אידען דער טיראַן „המן״. זיינע גיפטיגע רייד צום קיסר דריקט זיך אויס אין דעם פסוק: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים וכ׳ — עס איז דאָ א פאָלק אידען צוזייט און צושפּרייט איבער דער גאנצער וועלט; זיי וואַנדערען ארום, ווי די ציגיינער אונטער׳ן הימעל אין די ביידלעך, און דעם געזעץ פון קיסר היטען זיי ניט אָפּ — דאכלו ושתו ומבזו למלכא — עסען, זויפען און מאַכען חוזק פון קיסר, מען דאַרף זיי פארניכטען. (מגילה, יג׳).

אין אונזערע צייטען איז איצטיגער „עמלק־המן״ נאָך ערגער ווי אַמאָ־ליגער. המן פון פרס האָט געוואָלט פאַרגיסען בלוט, אָבער ער האָט אליין געכאַפּט די מפּלה. איצטיגער „המן־פיינטער״ האָט געוואָלט און פאַרגאָסען אַזויפיל אומזיסט בלוט, וואָס שרייט צו גאָט פון דער ערד... עס וועט קומען זיין טאָג — זיין מפּלה.

און מיר זעהען אז דער מאָדערנער אנטיסעמיטיזם אונטערשיידעט זיך ניט אין גרונט פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין אלטען רוים אָדער עגיפּטען, אָדער פּרס, אָדער אין מיטעלאַלטער, און אז אויך די פאַקטאָרען, וואָס פיהרען צו אנטיסע־מיטיזם, האָבען זיך גאָר ווינציג געביטען. איז דאָך א פראגע ווי ווערט מען פּטור פון די קרענק? וואָס פאַר אַ מיטלען דארפען מיר, אידען, אָננעהמען? — וועגען דעם איז דאָ פאַרשידענע מיינונגען: ווען מען פרעגט „גוטע־אידען״ ווען וועט אויפהערען די שנאָה צו אידען? — ענטפערען זיי:

— ווען ס׳וועט זיך אָפּטאָהן די שנאָה פון דער וועלט.

— ווען וועט דאָס געשעהן?

— ווען משיח וועט קומען.

— ווען וועט קומען משיח? ענטפערען זיי:

— אחכה לו בכל יום שיבוא.

די „בית־מדרש אידען״ זאָגען אז אנטיסעמיטיזם איז אַ גאָט׳ס שטראָף פאַר די זינד, וואָס דאָס פאָלק ישראל איז באַגאַנגען. עס איז גלות. מיר מוזען ליידען ביז וואנעט דער רבנש״ע וועט זיך מרחם זיין אויף אונז.

— „פּראַקטישע אידען״ זאָגען ארויס זייער מיינונג אזוי: פּטור צו ווערען פון דעם אַנטיסעמיטיזם מוזען מיר אידען זעהן מיט אלע מעגליכקייטען ניט צו קאָנקורירען מיט די איינגעזעסענע קריסטליכע אַלטע שכנים. מיר דאַרפען זיך אָפּגעבען דין וחשבון נאָך אלע שרעקליכע געשעהענישען וואָס מיר לעבען איצט אריבער, אַז מיר זאָלען האַנדלען צווישען זיך און מיט די קריסטען אָרענטליך און פיין, אָבער זיך ניט רייבען די פּלייצעס מיט די גויאים... מיר מוזען צאַמען אונזערע אַמביציעס, למשל, מיר אידען טאָרען זיך ניט וואַרפען אין די אויגען פון די קריסטען מיט אונזער לוקסוס... ניט איינרייסען זיך אין זייערע קלובען...

די „אַפּרו־צייט״ פאַרברייינגען אין א אידישען „סאָמער־פּליין״, אין אַ אידישען האָטעל. — און ניט וואַרפען זיך מיט הונדערטער און טויזענדער אויף „רולעטע טיש״. מיט איין וואָרט ניט אויפרייסען די קריסטען די אויגען...

— סאָציאַליסטען זאָגען אז סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט ברייינגען אַ סוף צום אַנטיסעמיטיזם.

אָט די אלע אויבענדערמאָנטע מיינונגען זיינען ניט אינגאַנצען גענוג צו לייזען די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם.

צו לייזען אין גאנצען דעם אַנטיסעמיטיזם קען נאָר „ארץ ישראל״! אזוי ווי דר. הרצל וויזט אויף אין זיין בוך „אידענשטאַט״, אַז דער אנטיסעמיטיזם איז אינטערנאַציאָנאַל, אז קיין לאנד, אפילו דאָס פרייסטע און דעמאָקראטישסטע איז ניט פריי פון אָט דער עפּידעמיע. הרצל זאָגט ווייטער: די הויפּט סיבה פון — שנאת עולם לעם עולם — איז אונזער היימלאָזיגקייט און קומט צום אויספיר, אז אָן אייגענע היים, אָן אייגען לאנד, איז דער איינציגער ענטפער פטור צו ווערען פון אנטיסעמיטיזם.

דער באָדען פון ארץ ישראל מוז ווערען דאָס אייגענטום פון אידישען פאָלק ניט געקוקט אויף קיינע צייטווייליגע שטערונגען און שווערינקייטען. דער עיקר איז ערד ארבייט. דאָס פאָלק ישראל מוז ווערען אויס ווינט־פאָלק, וואָס דער פינסטערער גלות האָט איהם געמאכט. מיר מוזען האָבען ריכטיגע קלאָסען מענשען, ווי אלע אנדערע פעלקער. אידען מוזען זעהן מיט אלע מעגליכקייטען נעהמען זיך פאר׳ן אָקער, באארבייטען די ערד און ארויסגעבען אַ געזונטע, פיזיש און גייסטיג, אידישע אינטעליגענטע פויערים — וועלכע זאָלען בריינגען מיט זיך די פרישקייט פון פעלד, די נאַטירליכקייט פון דער נאטור אליין.

און אין ארץ הקדושה אשר „חיי נשמות אויר ארצך״, וועט אונזער פאָלק אין ציון קענען ציהען די ברייטע גאָלדענע קייט—קולטור פון דורות און זיין באַוואָרענט פון אַנטיסעמיטיזם.

היטלער-הונט און דער ראַביי.

ווען היטלער איז נאָך ניט אָפיציעל באַשטעטיגט געוואָרען פאר אַ „פירער״ איז ער געפאָהרען קיין בערלין מיט זיין באַליבטען הונט „בולדאָג״ — ער האָט באמערקט אין וואַגאָן אַז אַ ראַביי זיצט אַנטקעגען איהם. האָט זיך איהם פארוואָלט ערגערען דעם „ראַביי״. זאָגט היטלער צו זיין הונט: —קום אהער, ראַביי!

דער כלב איז צוגעלאָפען און היטלער קוועלט אָן פון זיין איינפאַל.

דער ראַביי האָט גוטהארציג געשמייכעלט.

היטלער פרעגט דעם ראַביי: — וואָס שמייכעלסטו עפּעס, געפעל איך דיר נישט?

— אָה, ניין, הער היטלער, דו געפעלסט מיך זעהר, נאָר איך לאָך דערויף, דו האָסט ליב דיין הונט און די פירסט איהם איבער, דו קוילעסט איהם אָפּ, ווארום טוהסטו דאָס? רוף איהם ניט מיט אַ אידישען נאָמען, רוף איהם מיט דייטשעסע נעמען, וועט ער זיך קענען דערדינען צום טשין, ראַנג „פיהרער״...

אידישער הומאָר

אַנעקדאָטען און פאָלקס מעשיות
פון אידישען קוואַל

דער ישיבה בחור און דער ישובניק

א רייכער ישובניק פון א קאַנטרי איז געקומען אין שטאָט אין ישיבה און געבעטען ביי דעם ראש־הישיבה אַ חתן א למדן פאַר זיין טאָכטער. דער ראש־הישיבה האָט אויסגעקליבען אַ בחור א עלוי. דער ארענדאַר האָט גע־געבען א טשעק אויף טויזענד רובעל פאר דער ישיבה. אַ צופרידענער איז דער ישובניק אוועקגעפאָהרען אהיים מיט זיין מציאה. דער ארענדאַר קומענדיג אהיים האָט אויסגעקליידט דעם ישיבה בחור און געשאָנקען איהם א גאָלדענעם זייגער. ער האָט אָפּגעגעבען דעם חתן א שעהנעם צימער און עסען און טרינ־קען פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע. ווארום די כונה פון ארענדאַר איז אַז צוליב דעם חתנ׳ס תורה לערנען וועט ער האָבען א גרויסע הצלחה אין זיינע ביזנעס. דער חתן לערענט יומם ולילה, נאָר ער וואונדערט זיך ווארום ווייזט מען איהם ניט די כלה? ער פרעגט דעם ישובניק וואו איז זיין טאָכטער — די כלה? דער ישובניק ענטפערט: — עט, טע, מע... לערען, זוהנעלע, עס וועט רעכט זיין... — דער ישיבה בחור האָט זיך צוגעוואוינט צו זיין לעבען, געוואוי־רען היימיש מיט די משרתים און געפרעגט: ווארום זעהט מען ניט דעם בעל־הבית טאָכטער? — די משרתים האָבען איהם געזאָגט, אז דער ישובניק האָט גאָרניט קיין טאָכטער... דער ישיבה בחור איז איבעראַשט געווארען און פאַר־שטאַנען וואָס פאר א שפיצעל עס האָ איהם אָפּגעטאָן דער ישובניק...

איינמאָל אַז דער בעל־הבית, אַרענדאר, איז אָפּגעפאָהרען אויף א קורצע צייט, האָט גענומען דער ישיבה־בחור אַלע חפצים ובגדים מיט דעם גאָלדענעם זייגער, וואָס דער מחותן האָט איהם געשענקט און איבערגעלאָזט אלץ אין זיין צימער. אָנגעטאָן די פריערדיגע מלבושים, די לאנגע זופּיצע מיט׳ן גאַרטעל — און געמאכט אַ ויברח... אין ישיבה אריין. פאר׳ן ראש־הישיבה האָט ער אויסגע־גאָסען זיין ביטער הארץ און דערצעהלט אז אַ טאָכטער ביים ישובניק איז ניטאָ אויף דער וועלט... וואָס זאָל מען טאָן מיט אַן אָרימען ישיבה־בחור. איז ער פארבליבען לערנען ווייטער אין ישיבה.

דער ישובניק איז געקומען אהיים, לייגט צו דער אויער צום טיר, ער הערט אָבער ניט דעם זיסען ניגון־גמרא פון דעם ישיבה־בחור. ער עפענט אויף די טיר: והילד איננו... און אלע קליידער מיט׳ן גאָלדענעם זייגער ליגען אויפ׳ן טיש. ער האָט פאַנאַנדערגעפרעגט די משרתים, האָבען זיי געזאָגט, אז זיי ווייסען ניט וואו ער איז נעלם געווארען. שוין א פאָר טעג זינד זיי האָבען איהם ניט געזעהן. — דער ישובניק האָט פארשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: האָט ער איינגעשפּאַנט די פערד און האַידא צו דער ישיבה... דער ארענדאר האָט זיך געמאָלדען און ארויסגערופען דעם ראש־הישיבה...

— סטייטש, רבי, וואו איז דער בחור? זאָגט דער ישובניק.

— דער ראש־הישיבה: איהר האָט איהם גענומען פאר א אידים, און עס איז דאָך ניטאָ ביי אייך קיין טאָכטער!...

— הערט, רבי, זאָגט דער ישובניק, איך האָב אייך געגעבען אָ טשעק אויף טויזענד רובעל פאר דער ישיבה צו קריגען דעם בחור...

איז וואָס? צו עס איז דאָ אָ טאָכטער צו ניט, ווענעמעס באָבעס דאגות איז דאָס?... ביי מיר געהען ארום איבער׳ן גרויסען הויף אין קרעטשמע: היגער, הענער, קאָטשקעס, געגז, הינט קעץ... פאַשענען זיך אויך אויפ׳ן לאָנקע: חזרים, פערד, אייזלען, אָקסען, קעלבלאַך... וואס וואָלט אייך אָרען אַז עס וועט זיך אויך פאַסענען אָ חתן אויף קעסט?...

דער ראש הישיבה האָט געענטפערט אויף דעם ישוב׳ניקס רייד בזה הלשון:

— ווייסט איהר, ר׳ איד, פון דער גמרא: „לית עתירא מחזירא ולית עניא מכלבא?״.

— ניין — זאָגט דער ישובניק.

— אויב אַזוי, זאָגט דער ראש הישיבה, וועל איך עס אייך דערקלעהרען: ס׳מיינט, ס׳איז ניטאָ קיין גרעסערער עושר ווי פונ׳ם חזיר, וואָס געפינט אומעטום זיין פרנסה, און ניטאָ קיין גרעסערער אָרעמאַן פונ׳ם כלב, וואָס מוטשעט זיך נעבאַך און זוכט לאַנג ביז ער געפינט אָ ביין. און טאַקע מחמת דעם כאַפּט ער, דער כלב, שטענדיג אַן דעם חזיר ביים אויער. ער רוימט איהם אריין אָ סוד: ברודערקע, ממה נפשך, ביזטו שוין יאָ אזאָ עושר וואָס זשע ביסטו אַזאַ חזיר?!...

דער ישובניק האָט פאַרשטאַנען וואו דער רבי צילט און אוועקגעפאָהרען אַליין אהיים בפחי־נפש...

* * *

ר׳ יעקב משלם.

אין אָ פאַרוואָרפענע קאַנטרי וועסט־אמעריקע איז פאָרגעקומען אָ ברית ביי אָ בעל־הבית. דער ברית איז אויסגעקומען אין מיטען וואָך, איז זעהר

שוער געווען צונויפזאמלען א מנין מענשען. איינער האָט געפעהלט. דער בעל־הבית איז אוועק צום סטיישאַן, וועלכער איז געווען ניט ווייט פון זיין הויז, אפשר וועט ער דאָרטען טרעפען אַ צעהנטען. דער גליק האָט איהם צוגעשפּילט און ער האָט געטראָפען דאָרטען א משולח ווארטענדיג אויפ'ן טריין צוצופאָרען צו א נאָהענטער שטעטעל. דער בעל־הבית האָט איהם אָפּגעשטעקט דעם ברייטען „שלום־עליכם" און איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע אז עס פעלט איהם א איד צום „ברית" און ווען ער וואָלט צוקומען, וואָלט ער האָבען אַ גרויסע מצוה און מען וואָלט שנעל פאַרטיג ווערען מיט'ן ברית און נאָך א „לחיים" וועט ער קענען אָפּפאָרען מיט'ן צווייטען טריין וואָס געהט אָפּ פאַרנאַכט. דער משולח האָט זיך אביסעל געקוויינקעלט, אָבער דאָך צום סוף האָט ער מסכים געווען.

עס איז געווען א ברית כיד המלך, געגעסען, געטרונקען און זיך משמח געווען מיט'ן אורח. כטוב לב בעל־הבית ביין, זאָגט ער צום משולח: נו, ר' יעקב, וואו וועט איהר איצט פאָהרען? עס איז היינט דאָנערשטאָג, איהר וועט אָנקומען אין דער שטאָט ג. פרייטאָג, ערב שבת, זייט ביי מיר שבת, איהר זיינט ביי אונז אַ טייערער גאסט. — דער משולח האָט מסכים געווען. שבת האָט זיך דער משולח אויסגערוהט, געווען זעהר צופרידען פון דער גאסט־פריינדשאפט. — מוצש"ק האָט ער געוואָלט אָפּפאָהרען.

— געוואָלד, ר' יעקב, זאָגט צו איהם דער בעל־הבית וואָס איילט איהר זיך, וואו וועט איהר פאָהרען? מיר וועלען בעסער באלד פראַווען „אַ מלוה־מלכה"... און מאָרגען, זונטאָג וועלען דאָ זיין די גאנצע שטעטעל, מיר וועלען איניינעם געבען א הוליע... עס איז אָנגעגרייט מכל־טוב, בראָנפען, ביר, כיד המלך...

דער משולח טראַכט זיך, אז ביי דעם בעל־הבית איז רעכט איז ביי איהם אויך רעכט...

מאָנטאָג איז ניט אָפּגעגאנגען קיין טריין אין דער שטעטעל, וואו דער משולח האָט געוואָלט פאָהרען. — דינסטאָג רופט זיך צו איהם אָפּ דער בעל־הבית: — הערט נאָר אויס, ר' יעקב, פאָלגט מיך וואַרט שוין אָפּ ביז דאָנערשטאָג, עס קומט פאַר מאָרגען אַ חגא, וועל איך זיין פריי, וועלען מיר קענען גוט פארברייינגען...

משולח: — וואָס רעדט איהר, ר' אברהם, עס איז שוין באלד אַ וואָך, ווי איך בין ביי אייך, איך מוז פאָהרען...

— זאָגט דער בעל־הבית, — נו, איז וואָס? ברוך ד' יום יום, וואָס עס וועט אייך זיין באשערט וועט אייך אָנקומען... איז נאָך אַ טאָג, דאָנערשטאָג א"ה וועט איהר געוויס פאָהרען...

כה הוה, דער משולח איז פארבליבען ביז דאָנערשטאָג און זיך געלאָזען

וואויל־געהן. — דאַנערשטאַג פאַר׳ן פאָהרען וויל זיך דער משולח געזעגענען מיט׳ן בעל־הבית, אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרען אז דער בעל־הבית, ר׳ אברהם, האָט איהם צוגעטראָגען אַ „ביל״ אויף 15 דאלער און גע־זאָגט איהם אז אזויפיל קומט איהם פאר דער וואָך פאַר׳ן עסען און שלאָפען...

— עט־טע־מע, וואָס רעדט איהר, בעל־הבית, זאָגט דער משולח, היתכן? איך האָב דען אָנגעדונגען ביי אייך קעסט אויף א וואָך?... איהר האָט דאָך מיר אלעס אליין פארגעלייגט און ניט אָפּגעלאָזען...

דער בעל־הבית: איך וויל גאָר ניט וויסען פון קיינע מעשיות, ר׳ יעקב משלם! איהר זענט אָפּגעווען א גאַנצע וואָך... ווייסט איהר וואָס, זאָגט דער בעל־הבית, איך בין ניט קיין גזלן, ביי אונז איז דאָ אַ רבי, געהט צו איהם אריין און ווי ער וועט פסק׳ענען אזוי וועט זיין...

דער משולח איז אוועק צום רבי׳ן און אויסגעגאָסען פאר איהם זיין בי־טער הארץ.

— זאָגט דער רבי: איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך פיל אייך מיט, נאָר איך האָב מורא מיט זיי זיך אָנצוהויבען...

אָבער זאָגט מיר, ר׳ איד, טאָקע ווי אזוי זעצט מען זיך אוועק אויף יע־נעמס קארק אַ גאַנצע וואָך?... איהר האָט דאָך געקענט שוין פינף מאָל אָפּ־פאָהרען פון דאַנען,— יאָ, איהר מוזט באַצאָהלען...

אן איינגעקאָרטשעטער און אַ צובראָכענער האָט זיך דער משולח אומ־געקער צום בעל־הבית און געזאָגט דעם פסק־דין פון רבי׳ן...

דער משולח גיט אָפּ די 15 דאלער דעם בעל־הבית, נעמט דעם שעצל און לאָזט זיך געהן...

— ר׳ יעקב, שרייט איהם נאָך דער בעל־הבית, נאָט אייך אויף צוריק אייערע פופצעהן דאלער!...

— איך פארשטעה אייך ניט, זאָגט דער משולח, וואָס קומט דאָ פאָר, צו וואָס האָט איהר מיר געדארפט אזוי מצער זיין, אַנטאָן אזויפיל יסורים?...

— דער בעל־הבית: פארשטעהט איהר מיך, ר׳ יעקב, איך האָב גאָרנישט געמיינט, זאָלט איהר מיר געזונט זיין, דאָס אלעס איז פארגעקומען איבער דעם, ווייל איך האָב זיך געוואָלט איבערצייגען וואָס פאר א פסק־דין דער „רבי״ וועט ארויסטראָגען... און געוואָלט זעהן וואָס פאָר א „ראַביי״ „זיי״ האָבען...

* * *

אַ שמועס צווישען צוויי אידען.

שאַיע: שפרעכען זיי דייטש, שמאַיע?

שמאַיע: אודאי, אַ שאלה?...

שאַיע: מיין צרה איז, וואָס איך קאָן ניט דעם דייטשען לשון כדבעי,

די צונג איז מיר געבונדען, ווען איך זאָל קאָנען גוט די שפּראַך, וואָלט איך געמאכט א סוף שוין שנעל צו די אידישע צרות... און באַסטאַ...

שמאַיע: אדרבא — וואָס אזוינס וואָלסטו געטאָהן?

שאַיע: איך וואָלט זיך דאַן דערשלאָגען צו געבעל׳ן, צו געריגג׳ען און דורך געריגג׳ן צו היטלער׳ן אליין, און איך וואָלט צוגעגאנגען צו איהם און וואָלט איהם אַ זאָג געטאָן: מיין הער! אוי, פּע! פּ... פיינטער... פאַסקודנע!...

* * *

סטאלין, רוזוועלט, טשוירטשיל און היטלער פאר׳ן רבנש״ע

די מעכטיגסטע פיהרער פון דער וועלט זיינען געקומען אויסבעטען אַ ברכה פון רבנש״ע״ צו געווינען די מלחמה.

גאָט: זאָג מיר, סטאַלין, וואָס מאַכען מיינע קינדער־ישראל?

סטאַלין: זיי פּעלט גאָרנישט, איך היט זיי, גרויסער גאָט, ווי דעם שווארצ־אַפּעל פון מיין אויג און באהאלט זיי פון זייערע שונאים.

גאָט: געה מיט מזל, איך גיב דיר מיין ברכה צו געווינען די מלחמה.

גאָט: ווי האַלט עס, רוזוועלט, ביי אייך אין אמעריקע מיט מיינע קינדער?

רוזוועלט: אלמעכטיגער גאָט, מיר גיבען זיי אלע רעכט מיט אלע פעל־קער צו גלייך.

גאָט: געה מיט גליק און געווין די מלחמה.

גאָט: וואָס מאכען מיינע קינדער, טשוירטשיל?

טשוירטשיל: גרויסער גאָט, מיר האלטען זיי בכבוד, מיר גיבען זיי לחם לאכל ובגד ללבוש.

גאָט: געה מיט שלום וועסט מנצח זיין.

גאָט: וואָס מאכען מיינע קינדער־אידען, היטלער?

היטלער: אַלמעכטיגער גאָט, מיינע אַרמייען זיינען פאַרנאַנדערגעוואָר־פען איבער טויזענדער מייל, איבעו דער גאנצער וועלט: איך האַלט קריג מיט ענגלאנד, אמעריקע און שטאַרקע רוסלאנד, מיין ציעל איז אויסברייטערען די דייטשע טעריטאָריע אלץ ברייטער און ברייטער, כדי דייטשלאַנד זאָל ווע־רען דאָס גאנצע וועלט, איבער אלעס. — די קאָפּ ווערט מיר צושפּאָלטען טראַכטענדיג ווי צו פאַרניכטען דעם שונא און ווי גרויס צו מאכען דייטש־לאַנד, זעהר פיל זאָרג, אַז איך ווייס ניט אויף וואָסער וועלט איך בין, היינט ווי אזוי קען איך אַ טראַכט טאָן וועגען אידען, ווי אזוי קען מיר ליגען אין זינען צו געדענקען, די שוואכסטע און די קלענסטע נאַציאָן אין דער וועלט? — אלזאָ, אלמעכטיגער, גיב מיר די מעגליכקייט צו געווינען די קריעג!

גאָט: געה, דיין לאנד וועט ווערען קליין, וועסטו ניט דארפען פיל זאָר־גען, און צו געדענקען וועלען דיר מאכען מיינע קינדער־ישראל...

עלינו, אשר יצר און דער ממזר.

דריי זיינען געקומען א דין־תורה האָבען פאר'ן רבנש"ע: עלינו, אשר יצר און דער ממזר.

עלינו טענה'ט: רבנש"ע, פארוואָס בין איך נידעריקער ווי אלע תפילות, וועלכע מען זאָגט פון אָנפאנג, אָדער אין מיטען דאַווענען, און מיר זאָגט מען צום סוף דאַווענען און מען שפייט נאָך אויס דערצו?...

— עס וועט רעכט ווערען, זאָגט דער בורא, דערפאר אין די ימים נוראים־דיגע טעג וועט מען דיר זאָגען אין מיטען מחזור בכונה, שטעהענדיג פאר'ן אָפענעם „אָרון קדש" דער עולם און דער חזן וועלען פאַלען „כורעים".

„אשר יצר" באקלאָגט זיך אויך: היתכן, רבנש"ע, מען וואַשט די הענט און מען זאָגט „אשר יצר", עס איז עפּעס גאָר וואָכעדיג...

— האָב קיין פארדרוס ניט מיין טאָכטער, זאָגט איהר גאָט — ביי א חתונה וועט מען „אשר יצר" זאָגען וואָרט ביי וואָרט מיט כונה אונטער דער חופה, עס וועט זיין שמחה וששון.

דער ממזר: געוואלד, רבנש"ע וואָס האָט מען צו מיר? וואָס בין איך שולדיג, אז מיין טאַטע האָט געזינדיגט? ווארום ווארפט מען זיך מיט מיר ארום? מען שרייט: „ממזר" „ממזר"!

— בארוהיג זיך, זאָגט גאָט, עס וועט נאָך קומען פאר דיר אויך אַ גוטע צייט, דו וועסט קומען אין די סטייטס־אמעריקע וועסטו ווערען א פרעזידענט...

* * *

דער גנב.

יום כפור איז אין שוהל געשטאַנען דער גנב פון שטעטעל און מתפלל געווען מיט גרויס כונה.

— זאָג מיר נאָר, חיים, רופט זיך צו איהם אָן איינער א מעמבער, דו בעטסט אויך ביים אויבערשטען ער זאָל דיר העלפען אין דיין פרנסה?

— פארשטעהט איהר מיך, ענטפערט חיים דער גנב, היינט ווערט דאָך אין הימעל אָנגעצייכענט ווער עס זאָל דאָס יאָהר בא'גנב'ט ווערען, בעט איך ביי גאָט איך זאָל טרעפען צו די הייזער, וועלכע עס איז באַשערט בא'גנב'עט צו ווערען...

* * *

* * *

אַ איד ווינשט צו דריי זאַכען:

זייערליך
שיטערליך
ביטערליך

זייערליך — זיי ערליך.
שיטערליך — שיט ערליך. (די וואָג).
ביטערליך — בעט ערליך. (גאָט.

* * *

זיינען אויפ'ן מארס פאַראַן מענטשען?

סמיסערל: זאָג מיר באַראַכאַבע, מען זאָגט אז אויף דעם שטערען מאַרס זיינען פאַראַן מענשען און אידען?

באַרעכאַבע: איך בין דיר מבטיח, אז עס זיינען דאָרטען קיין אידען ניטאָ.

סמיסערל: וואָס ביזטו א נביא, פון וואַנען ביסטו אזוי זיכער?

באַרעכאַבע: ווען עס וואָלטען דאָרטען געווען אידען, וואָלטען שוין די משולחים געפונען אַ וועג ווי אזוי זיך אהין ארויפצוכאַפּען און צו זאַמלען געלט פאַר די ישיבות...

* * *

ר' לוי-יצחק איז מלמד זכות אויפ'ן פורמאַן.

איינמאַל האָט ר' לוי־יצחק פון בערדיטשעוו געזעהן, ווי א פורמאַן שטעהט און דאַוונט ביי זיין וואָגען און שמירט דערביי די רעדער.

— „אַ גראָבער יונג" — רופט אויס איינער פון רבינ'ס סוויטע: — „ביים דאַוונען שמירט ער די רעדער!".

— וואָס פאַר א הייליק פאָלק האָסטו, רבש"ע, — זאָגט אָבער ר' לוי־יצחק — „אפילו ווען זיי שמירען די רעדער, דאַוונען זיי אויך!".

* * *

רבינו תמ'ס תפילין.

אַן עם־הארץ האָט אמאָל געוואָלט באָרגען תפילין ביי א חסיד און האָט פונקט גענומען רבינו תמ'ס תפילין.

זאָגט איהם דער חסיד: „נעמט נישט, ס'איז „רבינו תמ'ס תפילין".

פארשטעהט דער עם־הארץ נישט, וואָס מען רעדט צו איהם, און ער מיינט, דאָס די תפילין געהערען צו איינעם, וואָס הייסט רבינו תם, און ער זאָגט: „ס'שאַדט נישט, ביז רבינו תם וועט קומען, וועל איך שוין לאַנג האָבען אָפּ־געדאַוונט.

המקל והכלב.

אין חד־גדיא ווערט דערצעהלט אז עס איז געקומען דער שטעקען און האָט געשלאָגען דעם הונט, ווייל ער האָט געביסען די קאַץ. — איך דאַך אַ פראַגע, פארוואָס איז דעם הונט געקומען צו שלאָגען, ער איז דאָך גאַנץ גערעכט געווען, דען די קאַץ האָט דאָך אומזיסט און אומנישט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע? — איז דער תירוץ: דער הונט איז טאַקע גערעכט, א הונט ברויך זיך אָבער נישט אריינצומישען, נאָר ליגען פאַר זיך...

* * *

צוויי אַרמייען.

אין רוסלאנד פאַר ניקאָלאַיען זיינען געווען צוויי ארמייען, איין ארמיי מיט בלויע הויזען און א צווייטע ארמיי מיט גרינע הויזען. די ארמיי מיט בלויע הויזען האָט זיך געפונען אין סיביר, און די ארמיי מיט די גרינע הויזען — אין מערב־רוסלאנד. שטעהט א איד אויף אַ סטאַנציע, אין איין טאָג, זעהט ער עס קומט אַ צוג פון סיביר מיט סאָלדאַטען אין בלויע הויזען. אויף מאָרגען זעהט ער עס געהט אָפּ אַ באַן קיין סיביר מיט סאָלדאַטען אין גרינע הויזען, פרעגט ער: וואָס שיקט מען עס ארום די סאָלדאַטען הין און צוריק? ענטפערט מען איהם, עס איז מאַנעוורע־צייט, בייט מען די ארמייען אין די געגענדען. פרעגט דער איד: איז צו וואָס דאַרף מען ארומשיקען די סאָלדאַטען הין און צוריק? מען קען דאָך נעהמען און בלויז איבערבייטען די הויזען — שיקען די גרינע הויזען קיין סיביר און די בלויע הויזען פון סיביר?...

* * *

דער פעלץ.

אין דעם גאָלדענעם לאַנד אמעריקע זיינען אויך דאָ ארימע מענשען, ניט אַלע געהען אריין מיט דער רעכטער פוס. —

אין וועסט־קאַנאַדע זיינען דאָ פאַנאַנדערגעוואָרפענע אידישע קאָלאָניעס. די אידישע קאָלאָניסטען, באַארבייטען די ערד און גיבען ארויס געזונטע, פיזיש און גייסטיג, אידישע אינטעליגענטע פויערים — וועלכע ברייגען אריין מיט זיך די פרישקייט פון פעלד און די נאַטירליכקייט פון דער נאַטור אליין. עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד איז אין דער קאָלאָניע ה. געווען די תבואה ניט געראָטען. אייניגע קאָלאָניסטען זיינען פאַראָרימט געווארען. מען האָט זיך גענומען פאַר אנדערע מלאָכות. אייניגע, פאַרמעגליכע, האָבען אויפ'ן פלאַץ נעהענטער וואו די טריין שטעלט זיך אָפּ געעפענט סטאָרס. אנדערע האָבען גע־

האָדעוועט בהמה׳לעך, קעלבלעך און פאַרקויפט צום גאָוורעמענט און דאָס פלייש האָט מען טראַנספּאָרטירט פאַר די סאָלדאַטען אויפ׳ן פראָנט.

די ניט־פאַרמעגליכע פלעגען פאַרקויפען אין דערבייאיגער שטעטעל: היהנער, הענער, קאַטשקעס, פוטער, קעז, שמעטענע וכי׳ אָט מיט די מילכיקס האָבען זיך באשעפטיגט: חיים מיט זיין זוהן יעקב. זיי פלעגען איינשפּאַנען דאָס פערדל און פיהרען אין דערבייאיקער שטעטעל ג. פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען. ווינטער פלעגט זיי אויסקומען צו פרירען, ווארום זיי האָבען פאַרמאָגט נאָר איין פעלץ, און קויפען א צווייטען איז ניט געווען מיט וואָס. דער פעלץ פלעגט ליגען אין וואָגען, ניט דער זוהן און ניט דער פאָטער פלעגען איהם ניט אָנטאָן: דער זוהן פלעגט זאָגען, אז דער טאַטע איז בילכער, זאָל ער איהם אָנטאָן, ער איז אַן אַלטער, שוואכער מאַן, טאָר ניט לידען קיין קעלט. דער פאָטער פלעגט טענה׳ן אז דער זוהן איז בילכער, ער איז אָ טאַטע פון קליינע קינדער, ער קען זיך פארקילען. אזוי פלעגען זיי זיך האַמפּערען פאָהרענדיג די גאנצע וועג. איינמאָל, אין ברענענדיגען פראָסט, פאָהרענדיג פון קאָלאָניע צום שטעטעל, זאָגט דער פאָטער צום זוהן: איינמאָל פאַר אלע מאָל, מוז עס נעהמען אָ ברעג צו אונזער דעבאַטע, דאָ אין שטעטעל איז דאָ א רב, ער איז אויך א שוחט, ער איז אָ איד א צדיק, א חכם, מיט׳ן נאָמען ר׳ אברהם. לאָמיר אריינגעהן צו איהם, מיר וועלען האָבען פאַר איהם אָ דין־תורה, ווי ער וועט פסק׳ענען אזוי וועט זיין.

כך־הוה. אָנגעקומען אין שטעטעל און אריין צום רב.

דער פאָטער האָט דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, אַז א פעלץ איז דאָ, נאָר ער דאַרף ניט דעם פעלץ און דער זוהן, איז אַן עקשן און טוט איהם ניט אָן...

דער זוהן טענה׳ט אויך אַז ער דאַרף ניט קיין פעלץ, דער פאָטער איז אַן עלטערער מענש איז ער בילכער, דאַרף דער פאָטער טראָגען דעם פעלץ, און איהם ניט פאַרשאַפען עגמת־נפש.

— ר׳ אברהם האָט אויסגעהערט זייערע טענות און זאָגט זיי, אז זיי זאָלען קומען אין דריי שטונדען שפעטער און זיי זאָלען טענה׳ן פונקט פאַרקערט.

זיי זיינען אוועק, אָבער זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס דער רבי מיינט — טענה׳ן פאַרקעהרט.

אין שטאָט האָבען זיי דערצעהלט צו אָ קלוגען קאָסטומער די גאנצע געשיכטע און געפרעגט וואָס מיינט טענה׳ן פארקערט?

— זאָגט זיי דער בעל־הבית, אז עס איז גרינג צו פארשטעהן, פריער האָבען זיי גע׳טענה׳ט, אז זיי דאַרפען ניט קיין פעלץ, איצט זאָלען זיי טענה׳ן אז זיי דארפען יע אָ פעלץ.

זיי זיינען אין דער באשטימטער צייט אריין צום רב. זאָג ער צו זיי: איצט זאָגט מיר וואָס איהר ווילט?

— רבי! זאָגט דער טאַטע, מיר האָבען נאָר איין פעלץ, איך דאַרף דעם פעלץ, איך בין אַן אַלטער פאַרפרוירענער מענש, נאָר מיין זוהן איז בילכער, ער איז אַ טאַטע פון קליינע קינדער, ער קען חו״ס זיך פאַרקיהלען...

— רבי! זאָגט דער זוהן, איך דאַרף דעם פעלץ, מיר איז קאַלט, אבער דער טאַטע, דאַרף איהם נויטיגער, ער איז אַ שוואַכער אלטער מאַן...

— איצט איז וואָס אנדערש, זאָגט ר׳ אברהם, מען קען איצט פסק׳ענען. פריהער האָט איהר גע׳טענה׳עט, אז איהר דאַרפט ניט קיין פעלץ, טאָ וואָס האָב איך געקענט אייך טאָהן. ווייזט דאָך אויס אז דער פעלץ איז ביי אייך אַן איבעריגע זאַך, אבער איצט טענה׳ט איטליכער פון אייך, אז איהר דאַרפט יע דעם פעלץ, אלאַ מאַי עס איז דאָ איין פעלץ און מען דאַרף צוויי. טאָ נאָט אייך פופציג דאָלער און קויפט נאָך אַ פעלץ.

* * *

בטול היש

צוויי פאַנאַטישע חסידים זיינען שבת צו נאַכט זעהר שפעט אין אָווענט געגאַנגען אהיים פון רבינ׳ס מלוה־מלכה. אויפ׳ן וועג האָבען זיי איבער׳גע׳חזר׳ט דעם רבינ׳ס תורה פון „בטול־היש״, די נישטיגקייט פון דעם שטערבליכען מענשען״. איינער זאָגט צום צווייטען, אז היינטיגע רבינ׳ס דרשה וועגען „בטול היש״ איז וואונדערפול. נאָכ׳ן רבינ׳ס אויספיהר: „בין איך גאָר נישט, ביסטו גאָר נישט און מירביידע גאָרנישטן״.

זיי האָבען דעבאַטירט הויך און האָבען ניט באמערקט דעם נאַכט פאָליסמאַן, וועלכער האָט א געשריי געטאָן: „קטאָ טאַם״? — ווער איז דאָרט?

— „ניקטאָ!״ „ניטשעוואָ״! — קיינער ניט, גאָר נישט, — ענטפערט איין חסיד, — קיינער ניט, איך בין גאָר ניט, מיין חבר איז גאָר ניט און מיר ביידע זיינען גאָר ניט.

דער פאָליסמאַן ווייסט ניט פון קיין „בטול היש״ און פון קיינע חכמות ניט, ער איז ניט צופרידען מיט אַזאַ ענטפער, ער האָט געמיינט אז זיי לאַכען פון איהם, איז ער געוואָרען אין כעס און האָט זיי אָפגעשטעקט אַ פאָר פעטש...

זיי זיינען צוטומעלטע שנעל צוריקגעלאָפען אין רבינ׳ס בית־המדרש. זיי האָבען זיך ארומגעוואשען און באַרוהיג זיך. און דאַן זאָגט איינער צום צווייטען, אז דער פאָליסמאַן איז א גרויסער נאַר, וועמען האָט ער דאָ געשלאָגען?: „איך בין גאָרנישט, דו ביסט גאָרנישט און מיר זיינען ביידע ג אָ ר נ י ש ט ״.

דער צווייטער זילבערנער בעכער.

ווען מען געהט דורך מיין סטריט אין דער גרויסער שטאָט מ. קאַנאַדע, דוכט זיך אויס אז אַלע האַלסיילערס און סטאָר־קיפּערס זיינען גליקליך. עס רוישט, עס קאָכט, מען האַנדעל, מען שמאַיעט... אָבער אין דער אמת׳ן זיינען דאָ איניגע סטאָרקיפּערס גרויסע קבצנים צווישען זיי. אָט טרעפט איהר אַן אַ סטאָרקיפּער אין אַ קליינע שטאָרקעלע, ער איז א מאַן אַ יאָהר 35, מיטעלער וואוקס, אַ פעסטער מיט רויטע באַקען און בלויע אויגען. ער טרייסעלט זיך פון קעלט און דערצעהלט אייך אַ מעשה, אַז ער ווערט אין זיין שטאַרקע פאַר־שוואַרצט. ערשטענס לייזט ער זעהר שוואַך, צווייטענס — סחורה, שווער צו קריגען, און אז מען קריגט איז זעהר טייער, העכערען די פּרייזען איז פאַרבאָ־טען. מ׳סטיינס געזאָגט וואָס קען מען שוין פאַרדינען. ער זעהט ניט אַן די ווייסע וועלט: גאַנצע טעג ביז שפּעט אין אָווענד אין סטאָר. פון סטאָר אין בעט און פון בעט אין סטאָר. — פעטער, זאָגט איהם א קונה, איהר זענט קיין עין הרע אַ פלאָטנער איד, נעהמט מען זיך צו אנדערע פּרנסות, אז עס לוינט ניט שניידט מען אָפּ מיט דער סטאָר.

— יע, חכם איינער, זאָגט דער סטאָרקיפּער, אויב איך וועל צו מאַכען מיין סטאָר, טאָ פון מאַנען וועל איך מאַכען א לעבען....

ער קומט שפּעט א היים, אבער דאָרט איז אויך קיין נחת ניטאָ: זיין יונגע ווייבעל, אַן עכטע אמעריקאַנערין, דערגעהט איהם די יאָהרען... זי טראַכט נאָר וועגען א „גוט־טיים״, זי וויל פון קיין זאָרג ניט וויסען. איינמאָל אין אָווענט, ווען ער איז געקומען מיעד, נידערגעשלאָגען, הונגעריג, זאָגט ער צו זיין „סאָניען״ אז זי זאָל איהם געבען סאָפּער. נאָר זי ענטפערט איהם, אז זי האָט קיין צייט ניט, ער זאָל זיך אליין באַדינען; זי מוז באלד געהן צו אַ מאַסקען־באַל און עס פעלט איהר אויס 3 דאלער אויף אַ מאַסקאַראַד סוט, אלזאָ, זאָל „בעניע״ איהר תיכף ומיד געבען....

דער מאַן, בעני, איז איבעראַשט געוואָרען און געזאָגט, אַז ער האָט נאָך היינט ניט פאַרדינט קיין דריי דאלער און מ׳קאָן אויסקומען אָהן אַ מאַסקען־באָלל.

מעהר ווי דאָס האָט איהם ניט געפעלט, זי האָט געמאַכט אַ סקאַנדאַל, איהר כעס האָט געפּלאַצט און אויפגעריסען אזוי ווי אַ פּאַס פּולווער:

„שלים־מזל״, האָט זי געשריען, ווען דו קענסט, ניט סופּאָרטען אַ פרוי, האָסטו ניט באַדאַרפט חתונה האָבען, איך פינסטער אָפּ פאַר דיר מיין וועלט, איך וויל פון קיין זאָרג ניט וויסען. איך וויל געניסען פון לעבען גלייך מיט אלע מיינע חבר׳טעס — שוין זאָלסטו מיר געבען די דריי, אויב ניט וועל איך פאַר׳משכנ׳ען דעם זילבערנעם בעכער, אינגאַנצען איז דאָ צוויי בעכער.

— איך האָב ניט קיין געלט, גלויב מיר...

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, אָ כאַפּ געטאָן דעם בעכער און ארויס פון הויז...

אָ פאַרמאַטערטער האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום קאַלטען סאָפער. אָהן זאַלץ, אָהן פעפער... מען קען זיך אין מויל ניט אריינגעמען...

וואָס טוט מען? טראַכט ער זיך. געהן שלאָפען אויף א הונגעריקען מאָגען איז אויך קיין פלאַן ניט. — פלולונג איז איהם אַריין א געדאַנק אין קאָפּ, אַזוי ווי דאָ איז אומעדיק... און אזוי ווי איהם געפעלט ניט וואָס זיין ווייבעל טאַנצט מיט אנדערע יונגעלייט... אַלזאָ איז דער בעסטער פלאַן זיך אריינצוכאַפּען זיך אהין.... אלאָ מאַי מען דאַרף האָבען אָ מאַסקען סוט, איז אויף דערויף דאָ דער צווייטער בעכער...

געטראַכט און געטאָן, פאַר׳משכ׳ט דעם בעכער, איינגעקויפט אלעס וואָס נויטיג צום באָלל. אין זיין מאַסקען סוט וועט איהם קיינער ניט דערקענען. צווישען גרויסען עולם האָט ער דערקענט זיין „אשת־חיל״. ער האָט אָנגעהויבען מיט אָ פאַרשטעלטען לשון זיך אמוזירען מיט איהר, און אוועק אָ טענצעל... זי מיינענדיג אַז דאָס איז א פרעמדער איז זי געוועזן מלא שמחה, און ער איז אויך פרעהלאך פאַר דעם שפּיצעל וואָס ער האָט איהר אָפּגעטאָן...

נאָכדעם, אלס גוטער קאַוואַליער, האָט ער איהר פאַרגעלייגט נעהמען אָ טרונק און צובייסען, דערנאָך זיינען זיי ווידער אוועק אָ טענצעל... ער געפעלט איהר...

— מיסטער, זאָגט זי, קען איך האָבען די עהרע צו וויסען מיט וועמען איך האָב געטאַנצט ?

— יעס, טייערע מיסעס, איך קען אייך זאָגען, אז איהר האָט געטאַנצט מיט׳ן צווייטען זילבערנעם בעכער...

* * *

שערי רחמים.

ר׳ ליב, דער שפּאָלער זיידע זצ״ל, איז געוועזן אָ גרויסער בעל־צדקה. ער פלעגט מעהר ווי העלפט פון זיין הכנסה צוטיילען צווישען די ארימעלייט פון שטאָדט. ער פלעגט נעמען גרויסע סומען ביי די גבירים און צוטיילען און קיינמאָל פלעגט ער ניט אָפּגעבען רעכנונג צו זיין קהלה. אויסהעלפען פלעגט ער איטליכען, ווער עס פלעגט נאָר אויסשטרעקען אָ האַנט. עס פלעגען זיך ארומטאָגען קלאַנגען, אז ער העלפט אפילו אויס באַוואוסטע גנבים פון שטעטעל, ווען זיי זיינען געוועזן אין א נויט.

איין מאָל אויף אן אסיפה האָבען די פני העיר איהם אויסגערעדט:—היתכן, רבי, די קאַסע פון צדקה געפינט זיך איין ביי אייך. מיר נעהמען פון אייך קיינמאָל קיין חשבון ניט, אָבער פון אייער זייט איז דאָס ניט ריכטיג, אז איהר זאָלט פון אונזער געלט אויך אויסהאַלטען גנבים?

— יעס, איך וועל אייך דערקלעהרען, קינדערלאך, פארוואָס איך טוה עס:
— עס טרעפט אמאָל א שלעכט יאָהר — ווען די שערי פרנסה ווערען פאַר־שלאָסען פאר די אידען, דאַן שיק איך ארויס מיינע גנבים און זיי ברעכען אויף די שלעסער פון „שערי רחמים" און אונזערע אידען ווערען געהאָלפען.

אַ בינטעל משלים פון ר' יעקב קראַנץ, דובנער מגיד
(1740־1804 אין זאַמאָשטש).

בארימטער דרשן, וועמענס דרשות און משלים זיינען פאָפולער ביי אידען ביז'ן היינטיקען טאָג. ער האָט געלעבט אין דובנא 18 יאָהר, און דערפאר איז זיין נאָמען „דער דובנער מגיד"; דער ווילנער גאון, זצ"ל, פלעגט ליעב האָבען זיינע משלים און זיינע דרשות. ער פלעגט בעטען דעם דובנער ער זאָל איהם מוסר'ן.

איינמאָל ראש־השנה איז דער דובנער מגיד געווען אין בערלין. און ווי איבעראשט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן אז דער בעל־תקיעה איז אַ גלוח. ער איז פארציטערט געוואָרען. אַזאַ חלול־השם. האָט ער געבעטען מען זאָל איהם דערלויבען עפּעס זאָגען פאר תקיעות שופר. ער האָט אָנגעהויבען מיט א משל:

— געווען אַ סטאַדע שעפּסען, פלעגט א וואָלף אָנפאלען אויף זיי גאַנץ אָפט. האָט דער פּאַסטוך געקראָגען אַ באָק מיט גרויסע הערנער. ווען דער באָק פלעגט אַ טרייסעל טאָן מיט דער באָרד און מיט די הערנער, פלעגט זיך דער וואָלף דערשרעקען און אַנטלויפען. אָט אזוי האָט דער באָק געהיט די סטאַדע. ויהי היום, דער באָק איז פארלאָרען געגאנגען. וואָס טוט מען איצט? האָט דער פּאַסטוך גענומען זיין הונט און האָט איהם אָנגעטאָן הערנער, דער וואָלף זאָל מיינען אז דאָס איז דער באָק. כך הוה: דער וואָלף, צו'גנב'ענענדיק זיך צו דער סטאַדע האָט דערזעהן די הערנער, און געמאכט א „ויברח". דעם צווייטען מאָל, אָבער, האָט זיך רבי וועלוועל גענומען צוקוקען צום באָק מיט די הער־נער: וואָס איז דאָס? — טראַכט רבי וועלוועל, — איז דאָס א באָק — וואו זשע איז זיין באָרד? אַלאַ וואָס? דאָס איז גאָר אַ הונט.. היינט ווי קומט אַ הונט צום האָרן?!

* * *

ואתה צויתה זאת עשו קחו לכם מארץ מצרים עגלות וגו' ויתן להם יוסף עגלות וגו' וירא את העגלות וגו' ותחי רוח יעקב אביהם.

דאָס הייסט פרעה זאָגט אָן יוסף'ן ער זאָל הייסען די ברידער נעהמען וועגען פון מצרים און בריינגען אָהער יעקב'ן מיט די גאנצע געזינדען, די גוטס פון מצרים איז פאר זיי. האָט יוסף זיי געגעבען וועגען מיט פּערה'ס

באַפעל. ווי יעקב האָט דערזעהן די וועגען, איז ער נאָך לעבעדיג געוואָרען. דעם ענין דאַרף מען ערקלעהרען ווארום האָט דאָס פרעה געמאכט אַזאַ גרויסען וועזען פון די וועגען און האָט אליין געהייסען געבען און צו וואָס שטייט ווידער איבערגע׳חזר׳ט דאָס יוסף האָט געגעבען מיט זיין באַפעל. אויך איז אַ וואונדער וואָס יעקב האָט זיך אזוי דערפרייט מיט די וועגען. שוין האָט ער ניט געקענט באַקומען פוהרען אין לאַנד כנען אראָפצופאָהרען קיין מצרים. אויך איז אַ וואונדער ווי פאַסט פאר יעקב אבינו, דער גרויסער בעל בטחון וואָס ער האָט געלעבט כל ימיו פון יגיע כפו, זאָל וועלען אראָפפאָהרען מיט א גרויסע געזינד, צו זיין אונטער פרעה׳ס שוץ. בפרט אז די גמרא זאָגט אין ביצא, פאַר דעם דאָזיגען וואָס קומט אָן צו א פרעמדען טיש איז די וועלט חשך. דאָס אלעס ווערט רעכט מיט א סיפור המעשה. ווי עס איז ידוע פון פארצייטען, האָבען די שפּאַנישע אידען ניט געגליכען די דייטשע אידען אין זייער מדינה. אַמאָל האָט זיך געטראָפען דאָס א געוויסע דאָרטיגע שטאָדט האָט געזוכט א רב און האָבען דערהערט פון א גרויסען גאון אַ חכם מפורסם אין דייטשלאַנד, זיי האָבען יע געוואָלט, ניט געוואָלט, אָבער וואָס קענען זיי זיך העלפען, עס איז דאָך אומעגליך צו באַקומען אין זייער מדינה אַזאַ טייערען תכשיט. איבערדעם האָבען זיי אויסגעריכט אַ פּאָר חשובים, זעהר געעהרטע מענשען צו איהם, אין א קאַרעטע מיט אַ כתב רבנות. נאָר באופן ער זאָל ניט קומען צו זיי מיט די גאַנצע געזינד, נייערט מיט דער ווייב און אַ פּאָר קליינע קינדער, וועלכע זיי האָבען נויטיג צו האַלטען ביי זיך. זיי איז אבער שווער געווען איהם צו זאָגען בפירוש דעם דאָזיגען פונקט. האָבען זיי איהם סתם אָפּגעגעבען דעם כתב און געבעטען ער זאָל שוין מיט זיי פאָהרען. דער רב אָבער מיט זיין חכמה האָט גוט פאַרשטאַנען זייער מיין. ענטפּערט ער זיך קאַלטבלוטיג אזוי — פון אייער קליין קאַרעטקע זעה איך ארויס דאָס די שטאָדט אייערע וויל מיך ניט האָבען פאר א רב, נאָר זי מוז מיר האָבען. און באופן זה קען איך ניט פאָהרען. ווי די חשובים האָבען דערהערט זיין טיפע חכמה האָבען זיי גע׳פועלט ביי שטאָדט ער זאָל מיטנעמען וועמען ער וויל און שטאָדט האָט ארויסגעשיקט עטליכע קאַרעטעס נאָך דער גאַנצער הויז־געזינד. דאַן איז ער אוועקגעפאָהרען צו זיי בשמחה ובשלום. דאָ איז אויך אזוי. פרעה האָט זיך דער עיקר געוואָלט האָבען יעקב׳ן אין מצרים פון זיין אייגענער וויגאָדע, ער האָט גוט פאַרשטאַנען מה דאָך פון איין צווייג דאָס איז געמיינט יוסף, ווערט ער גליקליך מכל שכן פון גאַנצען בוים. און לסוף איז טאַקע אזוי געווען ווי דער מדרש רעכענט אויס כמה טובות וואָס ער האָט איהם מיט זיין קומען, אם כן איז שוין קיין בזיון ניט געווען פאר יעקב׳ן. אזוי ווי די גמרא דערצעהלט אין חולין, ווען דער ראש גלותא פלעגט פארבעטען צו זיך רבי זירא, פלעגט ער קומען (הגם ער איז געווען א שונא מתנות) ווארום ער האָט אזוי געזאָגט. דאָס איז פאר דעם ריש גלותא אַ כבוד

און אַ טובה. אגב האָט פרעה געמיינט מיט ערנסט ווייל ער האָט געהערט זיין גרויסקייט, זיין חשיבות, האָט ער צוליב איהם שוין געוואָלט זיין גאנצע געזינד בעטען צו זיך אין לאנד. מען זעהט א קלאָרען באוויז דערצו דאָס עס איז געלעגען אין זינען צוהייסען שיקען געגוג וועגען פאר די גאנצע געזינד. דרום שרייבט דער מדרש וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אותו כלומר נאָך דעם ווי יעקב האָט באטראַכט די פיל וועגען וואָס יוסף האָט געשיקט היינו מיט פרעה׳ס באפעל גענוג פאר אלע הויז־לייט זיינע, דאָס איז א ראיה אז ער פארלאנגט איהם באמת און וויל איהם האָבען אין מצרים, ווארום ער איז ביי איהם א חשוב און ניט נור איין קליינע קאַרעטע געשיקט נאָך איהם אליין ווייל ער דארף נאָך איהם האָבען ותחי רוח יעקב, דאָ האָט יעקב גאָר אויפגעלעבט און אָנגענומען די זאך בשמחה און גלייך געפאָהרען קיין מצרים.

* * *

ושבת עד ד׳ אלקיך ושמעת בקולו וגו׳ — דאָס טייטש דו וועסט זיך קערן צו דיין גאָט און וועסט הערען זיין קול. דער פירוש דערפון פארשטייט זיך מיט אַ קורצען משל. א רייכער עם הארץ האָט זיך פארגלוסט האָבען אן אתרוג אויף סוכות. וואָס זאָל ער אָבער טאָן ווען ער ווייסט ניט ווי צו שאָקלען מיט׳ן לולב. האָט ער גענומען אין שטוב אריין, מיט אַ חודש פריער, אַן ארימען למדן, און ער האָט אים אויסגעלערענט ווי זיך נוהג זיין מיט די נענועים. סוכות צו הלל ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבען שאָקלען, אזוי האָט דער עולם אָנגעהויבען לאַכען. ער קוקט זיך ארום דאכט זיך ער טוט ווי מ׳האָט איהם געלערענט, און דער עולם לאַכט פאָרט. די סבה איז אבער געווען ער האָט זיך געשטעלט פאַרקערט מיט׳ן פנים צו מעריב זייט און ניט צו מזרח, דערפאר איז אויסגעקומען זיינע נענועים אויך פארקעהרט. דער ענין דערפון איז אזוי: מיר קלאָגען זיך אין תהלים, אלהי אקרא יומם ולא תענה אימר זיינען מיר מתפלל און הקב״ה ענט־פערט אונז ניט און ער כביכול זאָגט פארקערט אין ישעיה קראתי ואין עונה איך האָב זיי גערופען און קיינער רופט זיך ניט אָפּ. די אמת׳ע מעשה איז ווייל אונזערע תפלות זיינען נור פון מויל און ניט פון טיפען הארצען. דאַכט זיך יענער דאַווענט מיט גרויס דבקות אָבער ווער ווייס וואָסערע געשעפטען איהם דרייט זיך אין מוח. דאָס הייסט מ׳שטייט אָפּגעקערט פון הקב״ה און דער דאַוונען איז מעהר ניט ווי איינגעוואוינטע זאַך. אז הקב״ה זאָגט אין ירמיה הלא את נטשת אותי נאם ד׳ אחור תלכי ווייל דו האָסט מיך פארלאָזען דרום הייסט דאָס דו געהסט צוריק. דרום זאָגט דאָ משה ע״ה ושבת עד ד׳ אלקיך ושמעת בקולו וגו׳ אויב דו וועסט זיך קערן מיט׳ן פנים צו גאָט ב״ה כלומר מתפלל זיין מיט אַ רעכטע כונה דאַן וועסטו דערהערען זיין קול ווי ער דערוועקט דיר צו תשובה און וועסט פועל׳ן אלע דיינע בקשות. ווי עס איז געשריבען ווייטער — ושב וקבצך מכל העמים.